STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02633

SHPETZUMER

Rabindranath Tagore

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראַבּינדראַנאַט טאַגאָר

שפּעטזומער

פון ענגליש

ה. ד. נאָמבערג

פאַרלאַג קולטור-ליגע / וואַרשע

איבערדרוקן פֿאַרבאָטן / געדרוקט אין צוויי טויזנט
עקז. / וואַרשע, תּרפּ״ב / געזעצט בײַ פֿאַרבּיאַזש
לעשנאָ 37 / געדרוקט בײַ י. הענדלער, דלוגע 26.

Rab. Tagor—Szpet-Zumer / Tłom. H. D.
Nomberg / Wyd. Kultur-Lige, 1922
Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

א

באַלד, און איך וועל צוזאַמענקלייבן מײַנע פֿרוכטן צו ברענגען זיי פֿולע קוישן אין דײַן הויף, כאָטש אַ טייל פֿון זיי איז פֿאַרדאָרבן און אַ טייל איז ניט צײַטיק נאָך.

ווײַל שווער באַלאָדן מיט פֿיל שפֿע איז איצט די צײַט, און אין שאָטן קלינגט טרויעריק דעם פֿאַסטוכס פֿײַפֿל.

באַלד, און איך וועל מײַן שיפֿל לאָזן איבערן טײַך. דער ניסן־ווינט איז אַ טריבער און ער צערודערט די מידע כוואַליעס מיט אַ געמורמל.

דער גאָרטן האָט אַלצדינג פֿון זיך אַוועקגעגעבן, און אין דער מידער שעה פֿון אָוונט קומט דער רוף פֿון דײַן הויז בײַם ברעג אין זון־אונטערגאַנג.

ב

יוגנט־צייט איז מיין לעבן געגליכן געווען צו אַ בלום — אַ בלום, וואָס פאַרלירט אַ בלאַט צי צוויי פון איר רײַכקייט און פילט קיינמאָל נישט דעם פאַרלוסט, ווען דער פרילינג־ווינט קומט בעטלען ביי איר טיר.

איצט, ביים סוף פון דער יוגנט, איז מיין לעבן געגליכן צו אַ פרוכט, וואָס האָט גאָרנישט מער אָפּצושפּאָרן, און וואַרט נאָר זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן מיט דער פולער משא פון איר זיסקייט.

ג

צי נאָר פאַר די פרישע שפּראָצונגען איז דעם זומערס יום־טוב און נישט אויך פאַר בלעטער פאַרוועלקטע און בלומען פאַר־טריקנטע?

און דאָס ליד פול האַרמאָניע פון ים, צי איז עס נאָר ביי די כוואַליעס, וואָס שטייגן?

צי זינגט עס נישט אויך אין די כוואַליעס, וואָס פאַלן?

דימענטן זיינען אויסגעזעצט אין דעם דיוואַן, ווו מיין קע־ניג שטייט, אָבער געדולדיק וואַרטן שטיקער ערד אָנגערירט צו ווערן פון זיינע פיס.

קליין איז די צאָל פון די קלוגע און גרויסע, וואָס זיצן ביי מיין האַר, ער אָבער האָט דעם נאַרישן גענומען אין זיינע אָרעמס, און האָט מיך געמאַכט פאַר זיין דינער אויף אייביק.

ד

איך האָב אויפגעוואַכט און האָב געפונען זיין בריוו מיטן פרימאָרגן. איך ווייס נישט, װאָס איך אים שטייט געשריבן, ווייל איך קאָן נישט לייענען.

איך וועל לאָזן צורוף דעם געלערנטן מאַן מיט ויינע ביכער. איך וועל אים נישט שטערן, ווייל ווער ווייסט, צי ער קאָן לייענען, וואָס דער בריוו זאָגט.

לאָזט מיך אים האַלטן ביי מיין שטערן און צודריקן צו מיין האַרץ.

ווען די נאַכט קומט אָן מיט שטילקייט און די שטערן באַווייזן זיך איינער נאָכן צווייטן, וועל איך אים אויסשפּרייטן אויף מיין שויס, און שטיל וועל איך בלייבן.

די בלעטער, וואָס מורמלען, וועלן אים לייענען הויך פאַר מיר, דער רוישיקער טייך וועט אים אויסדערציילן, און די זיבן קלוגע שטערן וועלן אים פון הימל אַראָפּזינגען פאַר מיר.

איך קאָן נישט געפינען, וואָס איך זוך, איך קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס איך וויל לערנען, אָבער דער נישט געלייענטער בריוו האָט גרינגער געמאַכט די לאַסטן פון מיר, און פון מיינע געדאַנקען האָט ער לידער געמאַכט.

אידישע פאלקס
ביבליאטעק
מאנטרעאל

ה

איין האַנט שטויב האָט געקאָנט פאַרשטעלן דיין צייכן, ווען איך האָב זיין מיין נישט פאַרשטאַנען.

איצט, אַז איך בין קליגער, לייען איך אים אין אַלצדינג, וואָס ס׳האָט אים פריער פאַרשטעלט.

אויסגעמאָלט איז ער אין די בלעטלעך פון די בלומען: פון שוים פון די כוואַליעס בליצט ער אַרויס: בערגער טראָגן אים הויך אויף זייערע שפּיצן.

איך האָב מיין פּנים אָפּגעקערט פון דיר, דעריבער האָב איך די אותיות געלייענט פאַרקערט און האָב נישט פאַרשטאַנען זייער מיין.

ו

ווּ וועגן זיינען אויסגעלייגט, דאָרט פֿאַרליר איך מיין וועג.

אויפֿן ווייטן וואַסער, אין בלויען הימל איז נישטאָ קיין וועג און קיין טראַקט.

דער שטעג איז באַהאַלטן דורך די פֿליגל פֿון די פֿייגל, דורך די שטערן־פֿייערלעך, דורך די בלומען פֿון די וואַנדערנדיקע צייטן פֿון יאָר.

און איך פֿרעג מיין האַרץ, צי זיין בלוט טראָגט די קלוג־שאַפֿט פֿון דעם נישט־געזעענעם וועג.

ז

וויי, מיר, איך קאָן נישט זיצן אין שטוב, און די היים איז מיר אויס היים געוואָרן, ווייל דער אייביקער פרעמדער רופט, ער קומט פון וועג צוגיין.

דער אָפּקלאַנג פון זיינע טריט קלאַפּט אָן מיין ברוסט: עס טוט מיר וויי.

דער ווינט האָט דערוואַכט, דער ים ברומט.

איך פאַרלאָז אַלע מיינע זאָרג און ספקות, כדי נאָכצוגיין די היימלאָזע כוואַליעס, ווען זיי פאַלן־אָפּ פון ברעג, ווייל דער פרעמדער רופט מיך, ער קומט פון וועג צוגיין.

ח

זיי גרייט, מיין האַרץ, זיך צו לאָזן אין וועג אַריין! זאָלן בלייבן די, וואָס מוזן.

ווייל דיין נאָמען איז אויסגערופן געוואָרן אין דעם פרי־מאָרגן־הימל.

נישט וואַרט אויף קיינעם!

עס לעכצט די שפּראָצונג צו נאַכט און טוי, אָבער די צע־בליטע בלום שרייט און רופט צו דער פרייהייט פון דער ליכטי־קייט.

רייס אויף דיין שאָל, מיין האַרץ, און קום אַרויס!

ט

ווען איך האָב געווײלט צווישן מײנע אָנגעזאַמלטע אוצרות,
האָב איך זיך געפילט אַזוי ווי אַ וואָרעם, וואָס דערנערט זיך אין
דער טונקלקייט אין דער פּרוכט, וווּ ער איז געבאָרן געוואָרן.

איך פאַרלאָז די תּפיסה פון צעפּאַלעניש.

מיך אַרט נישט צו וואַנדלען אין אַ זומפּיקן שווייגן, ווייל
איך גיי זוכן די אייביקע דויערנדיקע יונגקייט. איך וואַרף אַוועק
אַלצדינק, וואָס איז נישט אײנס מיט מײן לעבן, אָדער וואָס איז
נישט אַזוי גרינג ווי מײן געלעכטער.

איך לויף דורך דער צייט, און — אָ, מײן האַרץ! — אין דײן
רידוואַן טאַנצט דער, וואָס זינגט ווען ער וואַנדערט.

י

דו האָסט מיך גענומען פאַר דער האַנט און מיך צוגעצויגן צו דיין זייט, און אַ פלאַץ האָסטו מיר געגעבן הויך, אויבן־אָן. פאַר אַלע מענטשן בין איך אַ שרעקעדיקר געוואָרן, נישט געקאָנט זיך רירן, נישט געקאָנט גיין מיין אייגענעם וועג: ביי יעדן טריט האָב איך געדאגהט און באַרעכנט צי וועל איך נישט אָנטרעטן אויף א דאָרן פון זייער שנאה.

ענדלעך בין איך פריי!

דער קלאַפּ איז געקומען, עס האָט געשאַלט דער האָרן פון זידלעריי, מיין פלאַץ איז איצט נידעריק אין שנויב.

מיינע וועגן זיינען אָפן פאַר מיר.

מיינע פליגל זיינען פול מיט באַגער צום הימל.

איך גיי זיך באַהעפטן צו די אויפבליצנדיקע שט ־ן פו האַלבער נאַכט, און מיך ווארפן אין די טיפסטע שאָטנס.

איך בין געגליכן צו אַ וואָלקן, געטריבן פון שטורם, אין זומער, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קרוין פון גאָלד, און הענגט אַרויס, ווי אַ שווערד, די ריט פ־ן דונער אויף אַ קייט פון בליצן.

מיט דער פרייד פון יאוש לויף איך איבער דעם שטויביקן וועג פון די פאַרשעמטע: איך קום נענטער צו דיין לעצטן ברוך־הבא.

דאָס קינד געפינט זיין מוטער, ווען עס פאַרלאָזט איר שויס.

ווען איך בין אָפּגעשיידט פון דיר, פאַרטריבן פון דיין הויז, בין איך פריי צו זען דיין פנים.

יא

זי צירט מיך נאָר צו שאַנד און שפּאָט, די דאָזיקע בריליאַנ־טענע קייט מײַנע.

זי דריקט מיך, ווען זי איז אויף מײַן נאַקן, זי פּרעסט מיך, ווען איך רײַס זיך זי אַראָפּצושליידערן.

זי ווערגט מײַן האַלז, זי דערשטיקט מײַן געזאַנג.

וואָלט איך זי געקאָנט צוטראָגן צו דײַן האַנט, מײַן האַר, וואָלט איך געווען געראַטעוועט.

נעם זי צו פון מיר, און דערפאַר בינד מיך צו צו דיר מיט אַ קראַנץ, ווײַל איך בין פאַרשעמט צו שטיין פאַר דיר מיט דער בריליאַנטענער קייט אויף מײַן האַלז.

יב

ווייט אונטן איז די דשומנאַ געפלאָסן, אײליק און קלאָר. העכער דאָרט האָט פינסטער געקוקט אַן אַרויסגעשטאַרטער פעלזיקר ברעג.

בערגלעך, טונקל פון וועלדלעך און דורכגעריסן פון שטראָמען, האָבן זיך געטוליעט אַרום.

גאַווינדאַ, דער גרויסער לערער פון שבט סיקאַ, איז געזעסן אויף אַ שטיין און געלייענט די הייליקע ביכער, ווען ראַגהונאַטה, זיין תּלמיד, שטאָלץ מיט זיין רייכקייט, איז אָנגעקומען, האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט: „איך האָב געבראַכט מיין אָרעם געשאַנק, וואָס איז נישט ווערט דו זאָלסט עס אָננעמען".

אַזוי האָט ער געזאָגט און האָט אַנידערגעלייגט פאַר דעם לערער אַ פּאָר גאָלדענע אָרעם-רינגען, אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער.

דער רבי האָט גענומען איינעם פון די רינגען, האָט אים געדרייט אַרום זיין פינגער, און די דימענטן האָבן געוואָרפן סנאָפּעס פון ליכט.

פּלוצלינג האָט עס זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט און האָט זיך געקייקלט פעלז-אַראָפּ אין וואַסער אַריין.

„אוי וויי!" האָט ראַגהונאַטה אויסגעשריען און האָט זיך געוואָרפן אין טייך אַריין.

דער לערער האָט זיינע אויגן צוריקגעקערט צום בוך, און דאָס וואַסער האָט פאַרבאַהאַלטן, וואָס ס'האָט אַוועקגענומען, און איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען, ווען ראַגהונאַטה איז צוריקגעקומען צום לערער מיד און דורכגעווייקט.

ער האָט געהעשלט און געזאָגט: „איך קאָן עס נאָך איצט צרויסקריגן, אויב דו וועסט מיר ווייזן, ווו עס איז געפאַלן".

דער לערער האָט אויפגעהויבן דעם צווייטן רינג און, וואַרפנדיק אים אין וואַסער אַריין, האָט ער געזאָגט: „אָט דאָ איז ער".

יג

זיך באַוועגן, דאָס הייסט דיך באַגעגענען יעדן מאָמענט, חבר־וואַנדערער!

דאָס הייסט צוזינגען צום טראָט פון דיינע פיס.

ער, וואָס אים באַרירט דיין אָטעם, זוכט נישט קיין באַהעלטעניש ביים ברעג.

ער שפּרייט אויס אַ פריי־פויגלדיקן זעגל קעגן ווינט און רייט איבער דעם צעבושעוועטן ים.

ער, וואָס פּראַלט אויף זיינע טירן און טרעט אַרויס, נעמט אָן דיין גרוס.

ער בלייבט נישט שטיין צו ציילן זיין פאַרדינסט, אָדער צו באַוויינען זיין פאַרלוסט: זיין האַרץ איז די פּויק, וואָס קלאַפּט ביי זיין מאַרש, אָט דאָס הייסט מיטגיין מיט דיר יעדן טריט,

חבר—וואַנדערער!

יד

מיין טייל פון דעם בעסטן אויף דער וועלט וועט קומען פון דיינע הענט: אַזוי איז געווען דיין צוזאָג.

דעריבער פינקלט דיין ליכט אין מיינע טרערן.

איך שרעק זיך געפּירט צו ווערן פון אַנדערע: איך קאָן פאַרלירן דיך, וואָס דו וואַרטסט ערגעץ אין אַ ווינקל. וועג, כדי מיין פירער צו זיין.

איך גיי מיר מיין קאַפּריזן=וועג, ביז מיין נאַרישקייט אַליין וועט דיך צופירן צו מיין טיר.

ווייל איך האָב דעם צוזאָג, אַז מיין טייל פון דעם בעסטן אויף דער וועלט וועט קומען פון דיינע הענט.

טו

דיין שפּראַך איז פּראָסט, מיין לערער, אָבער נישט זייער שפּראַך, פון די, וואָס רעדן וועגן דיר.

איך פאַרשטיי די שטים פון דיינע שטערן און דאָס שטיל-שווייגן פון דיינע ביימער.

איך ווייס, אַז מיין האַרץ וויל זיך עפענען אַזוי ווי אַ בלום; אַז מיין לעבן האָט זיך אַליין אָנגעטרענקט ביי אַ באַהאַלטענעם ברונען.

דיינע לידער זיינען געגליכן צו די פייגל פון דעם איינזאַ-מען לאַנד פון שניי, זיי שפּרייטן אויס די פליגל צו בויען זייערע נעסטן אין מיין האַרץ, אַנטקעגן דער וואַרעמקייט פון דיין אַפּריל, און איך בין צופרידן צו וואַרטן אויף דער פריילעכער צייט פון יאָר.

טז

זיי האָבן געוווסט דעם וועג און זיינען געגאַנגען דיך זוכן דורך דעם שמאָלן שטעג, איך אָבער האָב אַראָפּגעוואַנדערט פון וועג אין דער נאַכט אַריין, ווייל איך בין געווען אָן וויסן.

איך בין נישט געווען גענוג געלערנט אום צו שרעקן זיך פאַר דיר אין דער טונקלקייט, דעריבער האָב איך דערלאַנגט צו דיין שוועל, נישט וויסנדיק דערפון.

די געלערנטע האָבן מיך געזידלט און האָבן מיך געהייסן גיין אַוועק, ווייל איך בין נישט געקומען מיטן שטעג.

איך האָב מיך אַוועקגעקערט אין ספקות, אָבער דו האָסט מיך באַלד צוגעהאַלטן, און זייער זידלען איז געוואָרן הילכיקער מיט יעדן טאָג.

יז

איך האָב אַרויסגעברענגט מיין ערדענע לאָמפּ פון מיין הויז און האָב אויסגעשריען: „קומט, קינדער, איך וויל צוליכטן אייער וועג!”

די נאַכט איז אַלץ געווען פינסטער, ווען איך האָב צוריקגעקערט, איבערלאָזנדיק דעם וועג פאַר דער שטילקייט, און האָב געשריען: „לייכט מיר, אָ פייער, ווייל מיין ערדענע לאָמפּ ליגט צעבראָכן, אין שטויב!”

יח

ניין: דאָס איז נישט פאַר אייך — די קנאָספּן צו עפענען אויף בליעכץ.

טרייסלט דעם קנאָספּ, האַקט אים; ס׳איז ניט אייער כח צו מאַכן אים בליען.

אייער אָנריר באַשמוצט אים; איר צעפליקט זיינע בלעטער אויף שטיקלעך און וואַרפט זיי אין שטויב.

אָבער קיין שום פאַרבן קומען נישט אַרויס, און קיין ריח נישט.

אָ! דאָס איז נישט פאַר אייך — די קנאָספּן צו עפענען אויף בליעכץ.

ער, וואָס קאָן עפענען דעם קנאָספּ, טוט דאָס אַזוי פּשוט.

ער שיקט אים אַ בליק, און דער לעבנזאַפט פליסט שוין אין זיינע אָדערן.

פון הויך פון דיין אָטעם שפּרייט די בלום אויס אירע פליגל און פלאַטערט אין דער לופט.

קאָלירן שפּראָצן אויס, געגליכן צו באַגערן פון אַ האַרץ, און דער ריח דערציילט אַ זיסן סוד.

ער, וואָס ער קאָן עפענען דעם קנאָספּ, טוט דאָס אַזוי פּשוט.

סוזאַס דער גערטנער האָט אויסגעריסן פון זיין ציסטרינע די לעצטע לאָטוס, וואָס דער וויסטער ווינטער האָט איבערגעלאָזט, און איז געגאַנגען צום טויער פון פּאַלאַץ זי צו פאַרקויפן צום קעניג.

דאָ האָט ער געטראָפן אַ וואַנדרער, וואָס האָט צו אים געזאָגט: „זאָג דיין פרייז פאַר דער לעצטער לאָטוס — איך וויל זי שענקען אונזער האַר בודאַ".

סוזאַס האָט געזאָגט: „אַז דו וועסט באַצאָלן אַ גאָלדענע מאַשאַ וועט זי זיין דיין".

דער וואַנדרער האָט געוואָלט באַצאָלן.

אין דעם מאָמענט איז דער קעניג אַרויסגעקומען און האָט געזאָלט קויפן די בלום, ווייל ער האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין צו זען דעם האַר בודאַ, און ער האָט געטראַכט: „דאָס וועט זיין אַ פיינע זאַך צו לייגן פאַר זיינע פיס די לאָטוס, וואָס בליט אין ווינטער!"

ווען דער גערטנער האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים אָנגעבאָטן אַ גאָלדענע מאַשאַ, האָט דער קעניג געבאָטן צען, אָבער דער וואַנדרער האָט געבאָטן צוויי מאָל אַזוי פיל.

דער גערטנער, וואָס איז געווען אַ גיריקער, האָט זיך געטראַכט, ער וועט באַקומען נאָך אַ גרעסערן פרייז פון דעם, וואָס ביידע האָבן אָנגעבאָטן. ער האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט: „איך קאָן נישט פאַרקויפן די לאָטוס".

אין דעם שטילן שאָטן פון די מאַנגאָ-ביימער, הינטער דער שטאָט-מויער, איז סוזאַס געשטאַנען פאַרן בודאַ, אויף זיינע ליפּן איז געלעגן די שטילקייט פון ליבשאַפט, און זיינע אויגן האָבן גע-

לויכטן מיט פרידן, אַזוי ווי דער פרימאָרגן־שטערן פון אַ טוי־געוואַ־שענעם אָסיען.

סוזאַס האָט געקוקט אויף זיין פנים, האָט אַנידערגעלייגט די לאָטוס פאַר זיינע פיס און אָנגעבויגן זיין קאָפּ צום שטויב.

בודאַ האָט געשמייכלט און געפרעגט: „וואָס פאַרלאַנגסטו, מיין קינד?”

סוזאַס האָט אויסגעשריען: „דעם מינדסטן אָנריר פון דיינע פיס!”

כ

מאַך מיך פאַר דיין פּאָעט, אָ, נאַכט, פאַרשלייערטע נאַכט!

פאַראַן אַזוינע, וואָס זיינען דורות לאַנג געזעסן אָן לשון אין דיין שאָטן; לאָמיך זינגען זייערע לידער.

נעם מיך אויף דיין קאָטש, וואָס אָן רעדער, וואָס לויפט אָן קלאַנג פון וועלט צו וועלט, דו, מלכה אין דעם פּאַלאַץ פון צייט, דו שוואַרצע שיינקייט!

נישט איין פרעגנדיקער גייסט האָט זיך שטיל אַריינגעגנבעט אין דיין הויף, האָט אַרומגעוואַנדלט אין דיין הויז, וואָס אָן ליכט, זוכנדיק ענטפערס.

נישט פון איין האַרץ, געטראָפן דורך דער פרייידיקער פייל פון די הענט פון אומבאַקאַנטן, האָבן זיך אַרויסגעריסן געזאַנגען, און האָבן אויפגערודערט די פינסטערניש ביז איר פונדאַמענט.

די דאָזיקע וואַכנדיקע נשמות האָבן זיך פאַרקוקט אין ליכט פון די שטערן, איבערראַשט פון דעם אוצר, וואָס זיי האָבן פּלוצ-לינג געפונען.

מאַך מיך פאַר דיין פּאָעט, אָ, נאַכט, דעם פּאָעט פון דיין אומדערגרינדלעכער שטילקייט.

כא

אַ טאָג וועט קומען, ווען איך וועל געפונען דאָס לעבן, וואָס אין מיר, די פרייד, וואָס איז באַהאַלטן אין מיין לעבן, כאָטש די טעג פאַרפלאָנטערן מיין וועג מיט זייער נישטיקן שטויב.

איך האָב געדענקט נאָר שטיקלעכווייז, און זיין דורכלויפנ־דיקער אָטעם איז דורך איבער מיר און האָט מיינע געדאַנקען שמע־קנדיק געמאַכט אויף אַ ווייל.

איך וויל אַמאָל געפונען די פרייד, וואָס אויסער מיר וואָס ווינט אונטער דעם שירם פון ליכטיקייט — און איך וועל שטיין אין דער איבערשוימענדיקער איינזאַמקייט, ווו אַלע זאָרג וועלן געזען אַזוי ווי דורך זייער באַשעפער.

כב

דער דאָזיקער אָסיען־פּרימאָרגן איז מיד פון צופיל ליכט, און ווען דיינע לידער ווערן מאַט און מוטלאָז, גיב מיר דיין פּלייט אויף אַ ווייל.

איך וויל זיך נאָר מיט איר שפּילן, ווי עס וועט מיר נאָר איינפאַלן. — איך וועל זי אויף מיין שויס אַוועקלייגן, דאָ וועל איך זי אָנרירן מיט מיינע ליפּן, אָדער איך וועל זי האַלטן נעבן מיר אין גראָז.

נאָר אין דער פייערלעכער שטילקייט פון אָוונט וועל איך פּליקן בלומען, זי צו באַשיצן מיט אַ קראַנץ, איך וועל זי דערפילן מיט שמעקנדיקע ריחות; און כבוד וועל איך איר אָפּגעבן מיט אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ.

און ביינאַכט וועל איך קומען צו דיר און דיר אָפּגעבן דיין פּלייט.

דו וועסט אויסשפּילן אויף איר די מוזיק פון האַלבער נאַכט, ווען די גרעסער־ווערנדיקע לבנה וואַנדערט צווישן די שטערן.

כג

דעם פּאָעטס נשמה שוועבט און טאַנצט אויף די כוואַליעס פון לעבן צווישן די קולות פון ווינט און וואַסער.

איצט, אַז די זון האָט זיך געזעגנט, און דער פאַרטונקלטער הימל פאַלט צו אַזוי ווי די לעפלעך, וואָס פאַלן אויף די מידע אויגן — איצט איז צייט צוצונעמען זיין פעדער און לאָזן זיינע געדאַנקען זינקען אויפן גרונט פון דער טיפעניש צווישן דעם אייביקן סוד פון דער שטילקייט.

כד

די נאַכט איז טונקל, און דיין שלאָף איז טיף אין דער שטילקייט פון מיין וועזן.

וואַך־אויף, דו צער פון ליבע, ווייל איך ווייס איצט נישט ווי אַזוי צו עפענען די טיר און איך שטיי אין דרויסן.

די שעהן וואַרטן, די שטערן וואַכן, דער ווינט איז רויק, די שטילקייט איז שווער אין מיין האַרץ.

וואַך אויף, ליבע, וואַך אויף! גיס אָן מיין ליידיקן בעכער, און מיט אַ הויך פון געזאַנג מאַך ציטערן די נאַכט.

כה

דער פרימאָרגן־פויגל זינגט.

פון וואַנען קומט צו אים די בשורה פון פרימאָרגן, איידער ער האָט זיך באַוויזן, ווען דער פינסטערער סוד פון דער נאַכט האַלט אַלץ נאָך דעם הימל אין די קאַלטע שוואַרצע רינגען?

זאָג מיר, פרימאָרגן־פויגל, ווי אַזוי האָט דער בשורה־זאָגער פון מזרח געפונען זיין וועג צו דיין חלום דורך דער צווייפאַכיקער נאַכט פון דעם הימל און די בלעטער?

די וועלט האָט דיר נישט געגלויבט, ווען דו האָסט געשריען: „די זון איז אויף איר וועג, די נאַכט איז אַריבער".

אָ, פאַרשלאָפענער, וואַך אויף!

דעק אויף דיין שטערן, וואַרטנדיק אויף דער ערשטער ברכה פון ליכט, און זינג צוזאַמען מיטן פרימאָרגן־פויגל אין פריידיקער אמונה.

כו

דער בעטלער אין מיר האָט אויפגעהויבן זיינע מאָגערע הענט צום הימל, וואָס אָן שטערן, און אין אויער פון דער נאַכט האָט ער אַריינגעשריגן מיט זיין הונגעריקער שטים.

זיינע תּפילות זיינען געווען אָנגעריכט צו דער בלינדער פינסטערניש, וואָס ליגט אַזוי ווי אַ געפּאַלענער גאָט אין אַ וויסטן הימל פון פאַרלוירענע האָפענונגען.

דאָס געשריי פון באַגער האָט זיך געבלאָנקעט ארום דעם אָפּ־גרונט פון יאוש, — אַ קלאָגנדיקער פויגל, וואָס דרייט זיך אַרום אַ ליידיקן נעסט.

אָבער ווען דער פרימאָרגן האָט געוואָרפן זיין אַנקער ביים ראַנד פון מזרח, האָט דער בעטלער אין מיר געשפּרונגען און גע־שריגן:

— געבענטשט בין איך, וואָס די טויבע נאַכט האָט זיך אָפּ־געקערט פון מיר — וואָס זיין קופער איז געווען ליידיק.

ער האָט געשריען: „אָ, לעבן, אָ, ליכט, איר זיינט טייער! טייער אין דער פרייד, וואָס האָט אייך ענדלעך דערקענט”.

סאַנאַטאַן האָט זײַנע תּפֿילות אָפּגעריכט בײַם טײַך גאַנגיס, ווען אַן אָפּגעריסענער בראַהמין איז צוגעקומען צו אים און געזאָגט: „העלף מיר, איך בין אָרעם”.

„די צדקה־פּושקע דאָס איז מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן — האָט סאַנאַטאַן געזאָגט — איך האָב אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט”.

„אָבער שיווא דער האַר איז געקומען צו מיר אין חלום און האָט מיר אַן עצה געגעבן צו גיין צו דיר” — האָט געזאָגט דער בראַהמין.

סאַנאַטאַן האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט אױפֿגעהױבן אַ טײַערן דימענט, וואָס ניִשט צו באַצאָלן צווישן די שטײנדלעך בײַם ברעג טײַך, און טראַכטנדיק, אַז עמעצער קאָן אים נױטיק האָבן, האָט ער אים באַהאַלטן אין זאַמד.

ער האָט אָנגעוויזן דאָס אָרט דעם בראַהמין, וואָס האָט, אַ פֿאַרוווּנדערטער, אױסגעגראָבן דעם שטײן.

דער בראַהמין איז געזעסן אױף דער ערד און האָט נאָכגעטראַכט אײנער אַלײן ביז די זון האָט זיך געלאָזט אַרונטער די בײמער, און די פּאַסטוכער האָבן געפֿירט אַהײם די בהמות.

דעמאָלט האָט ער זיך דערהױבן און איז צוגעגאַנגען פּאַמעלעך צו סאַנאַטאַן און צו אים געזאָגט: „לערער, גיב מיר דעם קלענסטן טײל פֿון דײַן עשירות, וואָס שעצט־גרינג דאָס גאַנצע עשירות פֿון דער וועלט”.

און ער האָט דעם טײַערן שטײן געוואָרפֿן אין וואַסער אַרײַן.

כח

פון צייט צו צייט פלעג איך צוגיין צו דיין טויער מיט אויפגעהויבענע הענט און געבעטן, אַלץ מער און מער געבעטן.

דו האָסט געגעבן און געגעבן, טיילמאָל אין אַ קאַרגער מאָס, טיילמאָל מיט אַ פלוצלינגער ברייטקייט.

טייל זאַכן האָב איך צוגענומען, טייל האָב איך געלאָזט פאַלן; טייל דריקן שווער אויף מיינע הענט; פון אַנדערע האָב איך מיר געמאַכט שפּילצייג און זיי צעבראָכן, ווען איך בין מיד געוואָרן; ביז דאָס ברוכוואַרג און די אָנזאַמלונג פון דיינע מתּנות איז גרויס געוואָרן אָן אַ שיער, דיך באַהאַלטנדיק, און דאָס שטענדיקע אויסקוקן אויף נייעס האָט מיין האַרץ אויסגענאָגט.

נעם, אָ, נעם! דאָס איז איצט געוואָרן מיין אויסגעשריי.

צעשמעטער אַלצדינג, וואָס אין דער פּושקע פון דעם בעטלער: לעש אויס די לאָמפּ פון דעם צודרינגלעכן בעטלער: האַלט מיינע הענט, נעם מיך אַרויס פון דער אַלץ-וואַקסנדיקער מענגע פון דיינע מתּנות און ברענג מיך צו דער בלויזער אומענדלעכקייט פון דיין אַלייניקן דאָ-זיין.

כט

דו האָסט מיך אַרייַנגעזעצט צווישן די, וואָס פאַרלירן.

איך ווייס, מיר איז נישט באַשערט צו געווונען, אויך נישט צו פאַרלאָזן דאָס שפּיל.

איך וועל ווידער און ווידער אַריינוואַרפן אין קאָן, כאָטש איך זאָל זינקען דערביי ביז צום אָפּגרונט.

איך וועל שפּילן דאָס שפּיל פון מיין צעשטערונג.

איך וועל איינשטעלן אַלץ, וואָס איך האָב, און ווען איך וועל האָבן פאַרלוירן מיין לעצטן גראָשן, וועל איך זיך אַליין איינשטעלן אין קאָן, און דעמאָלט, טראַכט איך, וועל איך האָבן געווונען דורך מיין גרעסטער מפּלה.

ל

אַ שמייכל פון פרייליכקייט האָט זיך צעשפּרייט איבערן הימל, ווען דו האָסט אָנגעטאָן מיין האַרץ צעריסענע בגדים און האָסט מיך אַוועקגעשיקט אין וועג אַריין בעטלען.

פון טיר צו טיר איז עס געגאַנגען, און פיל מאָל, ווען זיין פּושקע איז שוין כמעט פול געווען, איז עס באַרויבט געוואָרן.

ווען דער מידער טאָג איז דערגאַנגען צום סוף איז עס צוגעקומען צום טויער פון דיין פּאַלאַץ, אויסשטרעקנדיק זיין אָרעמע פּושקע, און דו ביסט געקומען און גענומען עס פאַר דער האַנט און אַוועקגעזעצט ביי דיין זייט אויף דיין טראָן.

לא

„ווער פון אייך וועט אויף זיך נעמען דעם חוב צו שפייזן די הונגעריקע?" — האָט האַר בודאַ געפרעגט זיינע תּלמידים, ווען דער הונגער האָט געהערשט אין שראַוואַסטי.

ראַטנאַקאַר דער חלפן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גע-זאָגט: „ פיל מער ווי מיין גאַנץ פאַרמעגן איז נויטיק צו שפייזן די הונגעריקע".

דזשעסען דער אָנפירער פון קעניגס חילות האָט געזאָגט: „איך וואָלט גערן אָפּגעגעבן דאָס בלוט פון מיין לעבן, נאָר אין מיין הויז אַליין איז נישטאָ גענוג שפייז".

דהאַרמאַפּאַל, וואָס האָט געהאַט ווייטע שטרעקן ערד, האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ: „דער שד פון טריקעניש האָט מיינע פעלדער אויסגעצערט. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וועל באַצאָלן דעם מס פון קעניג".

דעמאָלט האָט זיך דערהויבן סופּריאַ, אַ בעטלערס טאָכטער.

זי האָט זיך פאַרנייגט קעגן אַלע און שטיל געזאָגט: „איך וועל שפייזן די הונגעריקע."

„ווי אַזוי!" האָבן זיי אויסגעשריען פאַרוווּנדערט, „ווי קאָנסטו האָפן צו דערפילן דעם צוזאָג?"

„איך בין די אָרעמסטע פון אייך אַלע — האָט סופּריאַ געענטפערט — „דאָס איז מיין שטאַרקייט, מיין שאַנק און מיין שפּייכלער האָב איך ביי יעטוועדן פון אייך אין הויז".

לב

מיין קעניג איז מיר נישט געווען באַקאַנט, דעריבער ווען ער האָט געפּאָדערט זיין מס, האָב איך מיך דערוועגט צו טראַכטן: איך וועל מיך באַהאַלטן און וועל איבערלאָזן מיינע חובות נישט באַצאָלט.

איך בין געלאָפן און געלאָפן אַוועק פון מיין טאָגס אַרבעט און מיין נאַכטס חלומות.

אָבער זיין פּאָדערונג איז מיר נאָכגעגאַנגען ביי יעטוועדן שליק לופט, וואָס איך האָב איינגעאָטעמט.

אָט אַזוי בין איך געקומען דערצו צו וויסן, אַז איך בין אים באַקאַנט, און קיין אָרט איז נישט געבליבן, וואָס זאָל זיין מיין.

איצט וויל איך אַוועקלייגן אַלצדינק פאַר זיינע פיס, און געווינען דאָס רעכט אויף אַ פּלאַץ פאַר מיר אין זיין קעניגרייך.

לג

ווען איך האָב געטראַכט, איך וועל דיך אויסקנעטן פון ליים, אַן אָפּבילד פון מיין לעבן, די מענטשן זאָלן עס ערן, דעמאָלט האָב איך געבראַכט מיין שטויב און פאַרלאַנגען און אַלע מיינע פאַרביקע פאַרבלענדעניש און חלומות.

ווען איך האָב דיך געבעטן אויסצוקנעטן פון מיין לעבן אַן אָפּבילד פון דיין האַרץ, פאַר דיר צו לעבן, האָסטו געבראַכט דיין פייער און דיין גבורה אין אמת, ערלעכקייט און שלום.

„מיין האר!" האָט דער דינער געמאָלדן דעם קעניג. „דער הייליקער נאַראָטטאַם האָט נאָך קיין איין מאָל נישט באַוויליקט צו באַטרעטן דיין קעניגלעך געבעט־הויז.

„ער זינגט די ליוב פון גאָט אונטער דיביימער אויפן אָפּע־נעם וועג. דיין טעמפּל איז ליידיק פון מתפללים.

„זיי זאַמלען זיך אַרום אים, אַזוי ווי די בינען אַרום דעם ווייסן לאָטוס, און די גאָלדענע קרוג פון האָניק לאָזן זיי אָן אַכט."

דער קעניג, מיט אַ האַרץ פול קרענקונג, איז געגאַנגען צום אָרט, וווּ נאַראָטטאַם איז געזעסן אין גראָז.

ער האָט אים געפרעגט: „פאָטער, פאַרוואָס טוסטו פאַרלאָזן מיין טעמפּל מיט דעם גאָלדענעם קופּל און זיצסט אין שטויב אויסגווייניק צו פריידיקן די ליבע פון גאָט?"

„ווייל גאָט איז נישט דאָרט אין דיין טעמפּל", האָט נאַראָט־טאַם געזאָגט.

דער קעניג האָט מיט אַ טריבן געמיט געזאָגט: „צי ווייסטו, אַז צוואַנציק מיליאָן גאָלד האָט געקאָסט אויפצובויען דעם דאָ־זיקן וווּנדער פון קונסט און ער איז געהייליקט געוואָרן פאַר גאָט מיט צערעמאָניעס, וואָס האָבן זייער פיל געקאָסט?"

„יאָ, איך ווייס דאָס", האָט געענטפערט נאַראָטטאַם. „דאָס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען טויזנטער פון דיין פאָלק, וואָס זייערע הייזער האָבן אָפּגעברענט, זיינען אומזיסט געשטאַנען פאַר דיין טיר, בעטנדיק הילף".

„און גאָט האָט געזאָגט: „דאָס אָרעמע באַשעפעניש, וואָס קאָן נישט געבן אַ דאַנק זיינע ברידער, ער וויל בויען מיין הויז!"

„און ער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ צווישן די, וואָס אָן אַ דאַך, אונטער די ביימער ביים שליאַך”.

„און יענע גאָלדענע אויפגעבלאָזנקייט איז ליידיק פון אַלצ-דינק אַ חוץ די הייסע פאַרע פון גאוה”.

דער קעניג האָט אויסגעשריען מיט צאָרן: „פאַרלאָז מיין לאַנד.”

רויק האָט געזאָגט דער הייליקער: „יאָ, פאַרטרייב מיך אַהין, ווו דו האָסט פאַרטריבן מיין גאָט”.

לה

דער טרומפּייט ליגט אין שטויב.

דער ווינט איז מיד, דאָס ליכט איז טויט.

אָ, דער בייזער טאָג!

קומט, איר קעמפּער מיט די פאָנען און איר זינגער מיט די מלחמה־לידער!

קומט, איר וואַנדערער פון וועג, וואָס איר אײַלט אויף אײַער רייזע.

דער טרומפּייט ליגט אין שטויב, וואַרטנדיק אויף אונז.

איך בין געווען אין וועג צום טעמפּל מיט מײַנע אָוונט־קרבנות, און איך האָב געזוכט אַן אָרט אָפּצורוען נאָך דער שטויביקער מי פון טאָג, געהאָפט האָב איך, אַז מײַנע וווּנדן וועלן זײַן געהיילט און די פלעקן פון מײַן קלייד וועלן זײַן ווײַס געוואַשן, און דעמאָלט האָב איך געפונען דײַן טרומפּייט ליגן אין שטויב.

צי איז נישט די שעה געקומען פאַר מיר אָנצוצינדן מײַן אָוונט־לאָמפּ?

צי האָט די נאַכט נישט אײַנגעזונגען די שטערן מיט איר וויג־לידל?

אָ, דו בלוט־רויטע רויז, מײַנע שלאָף־בלימלעך זײַנען בלייכער און בלייכער געוואָרן.

איך בין זיכער געווען, אַז מײַן וואַנדערן איז שוין אַריבער און אַלע מײַנע חובות זײַנען שוין באַצאָלט, ווען פּלוצלינג האָב איך געטראָפן דײַן טרומפּייט ליגנדיק אין שטויב.

טרעף אין מײַן פאַרשלאָפן האַרץ מיט דעם כשוף־שפּרונג פון דײַן יוגנט!

לאָז מײַן לוסט פון לעבן אויפפלאַמען אין פייער.

די פײלן פון דערוואַכונג לאָז פליען דורך דאָס האַרץ פון דער נאַכט, און אַ געשריי פון שרעק זאָל אויפרודערן די בלינד־קייט און די געלעמטקייט.

איך בין געקומען כדי אויפצוהויבן דיין טרומפייט פון שטויב.

קיין שלאָף איז מער נישט פאַר מיר — מיין וועג פירט איצט דורך אַ האָגל פון פײלן.

טייל וועלן אַרויסלויפן פון זייערע הייזער און קומען צו מיר אויף מיין זייט—אַנדערע וועלן וויינען.

טייל וועלן זיך וואַרפן אין זייערע בעטן און שרייען פון בייזע חלומות.

ווייל היינט ביינאַכט וועט דיין טרומפייט שאַלן.

פון דיר האָב איך געבעטן פרידן נאָר אויף צו געפינען שאַנד.

איצט שטיי איך פאַר דיר — העלף מיר אָנטאָן מיין געווער.

זאָלן די האַרטע קלעפ פון זאָרג אָנצינדן פייער אין מיין לעבן.

זאָל מיין האַרץ קלאַפּן אין פיין — די פויק פון דיין נצחון.

מיינע הענט זאָלן אויסגעליידיקט ווערן, כדי אויפצוהויבן דיין טרומפייט.

ווען, שכור פון לוסטיקייט, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ שטויב צו באַפלעקן דיין קלייד, אָ, דו שוועסטער, האָט דאָס מיין האַרץ געמאַכט קראַנק.

צו דיר האָב איך געשריגן און געזאָגט: „נעם דיין רוט פון שטראָף און משפט זיי!"

די ליכטיקייט פון פרימאָרגן איז געפאַלן אויף אויגן, רויט פון אַ נאַכט הוליען; דער פלאַץ פון דער ווייסער ליליע האָט באַגריסט זייער ברענענדיקן אָטעם; די שטערן האָבן דורך דער טיפעניש פון דער הייליקער טונקלקייט געקוקט אויף זייער הולטאַיען — אויף די, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם שטויב צו באַפלעקן דיין קלייד, אָ, דו שוועסטער!

דיין משפט-פלאַץ איז געווען אין בלומען-גאָרטן, צווישן די מעלאָדיעס פון די פייגל פרילינג-צייט; ביי די שאָטנדיקע ברעגן פון טייך, ווו דיביימער מורמלען אַן ענטפער אויף דעם גערויש פון די כוואַליעס.

אָ, דו ליבער! זיי זיינען געווען אָן רחמנות אין זייער ליידנשאַפט.

אין דער פינסטערניש זיינען זיי געקראָכן צו פאַקן דיין צירונג, כדי צו באַדעקן זייערע אייגענע תאוות.

ווען זייער קלאַפּ האָט געטראָפן און ביסט געווען געפייניקט, האָט עס מיך דורכגענומען ביז צום ביין און איך האָב געשריען צו דיר און געזאָגט: „נעם דיין שווערד, אָ, מיין ליבער, און משפט זיי!"

אָבער דיין גערעכטיקייט איז געווען מיט צופיל חסד.

מוטער-טרערן זייַנען פאַרגאָסן געוואָרן איבער זייער אומפאַרשעמטקייט; דער אייביק-טרייער גלויבן פון ליב-האָבן האָט באַהאַלטן אין זיך זייערע שפּיזן פון אויפשטאַנד אין זייַנע אייגענע ווונדן.

דייַן משפּט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דעם שטומען פּייַן פון ליבע, וואָס שלאָפט נישט: אין דעם רויטלען-זיך פון צניעות: אין די נאַכטיקע טרערן פון פאַרלאָזנקייט: אין דעם בלייכן פרימאָרגן-ליכט פון פאַרגעבן.

אָ שרעקלעכער! זיי, אין זייער גיריקייט אָן מאָס, זייַנען אַרייַנגעקראָכן צו דייַן טויער בייַנאַכט, אַ ״-געקראָכן אין דייַן שייער דיך צו באַרויבן.

אָבער די וואָג פון זייער רויב איז געוואַקסן אָן מאָס, צו שווער צו טראָגן, אָדער זיך צו רירן פון אָרט.

און דעמאָלט האָב איך געשריגן צו דיר און געזאָגט: „זיי מוחל זיי, אָ, שרעקלעכער!‟

דייַן פאַרגעבונג האָט אויסגעבראָכן אין שטראָמען, האָט זיי אומגעוואָרפן און האָט צעשפּרייט די גנבות אין שטויב.

דייַן פאַרגעבונג איז געווען אין בליץ; אין אַ רעגן פון בלוט; אין דער צאָרניקער רויטקייט פון זון-אונטערגאַנג.

לז

אופּאַגופּטאַ, דער תּלמיד פון בודאַ, איז געלעגן און געשלאָפן אויף דער ערד ביי דער מויער פון דער שטאָט מאַטהוראַ.

אַלע לאָמפּן זיינען אויסגעלאָשן, אַלע טירן פאַרמאַכט, און די שטערן אַלע זיינען פאַרהוילן געווען אין פינסטערן הימל פון חודש אויגוסט.

וועמענס פיס זיינען דאָס געווען, וואָס, קלינגענדיק מיט שפּאַנגען, האָבן פּלוצלינג באַרירט זיין ברוסט?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן, און דאָס ליכט פון אַ פרויס לאָמפּ איז געפאַלן אויף זיינע אויגן, די פולע מיט סליחה.

עס איז געווען דאָס מיידל די טענצערין, איר שטערן באַצירט מיט טייערע שטיינער, געקליידט אין אַ העל-בלויען מאַנטל, באַרוישט פון וויין פון איר יונגקייט.

זי האָט דערנענטערט איר לאָמפּ. מען האָט דערזען דאָס יונגע פּנים אַזוי שטרענג און שיין.

„זיי מיר מוחל, יונגער אַסקעט, האָט דאָס מיידל געזאָגט, „באַוויליק צו קומען אין מיין הויז, די שטויביקע ערד איז נישט קיין פּאַסיק אָרט פאַר דיר".

דער אַסקעט האָט געענטפערט: „פרוי, גיי ווייטער דיין וועג, ווען די ריכטיקע שעה וועט קומען, וועל איך זיין ביי דיר".

פּלוצלינג האָט די שוואַרצע נאַכט געוויזן אירע ציין אין אַן אויפבליצטיקן בליץ.

דער שטורם האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט פון אַן עק הימל, און די פרוי האָט געציטערט פאַר שרעק.

. . . .

די צווייגן פון די ביימערביים וועג זיינען באַלאָדן געווען מיט בליעכץ.

לוסטיקע טענער פון אַ פלייט האָבן זיך געצויגן פון דער־ווייטן דורך דער וואַרעמער לופט פון פרילינג.

די בירגער זיינען געגאַנגען אין די וועלדער אויפן יום־טוב פון די בלומען.

פון מיט־הימל האָט געקוקט די פולע לבנה אויף די שאָטנס פון דער שווייגנדיקער שטאָט.

דער יונגער אַסקעט איז געגאַנגען אין דער פאַריינזאַמטער גאַס, און איבער זיין קאָפּ האָבן די ליבע־קראַנקע קוועל־פייגל פון די מאַנגאָ־צווייגן געטרילערט זייער שלאָפלויז קלאָג־ליד.

אופּאַגופּטא איז דורך דאָס שטאָט־טויער און איז געשטאַנען צופיסן פון וואַל.

וואָסערע פרוי איז דאָס געלעגן אין שאָטן פון וואַל ביי זיינע פיס, דערשלאָגן פון דער שוואַרצער מגפה, איר גוף געפלעקט מיט געשווירן, אויף גיך פאַרטריבן פון דער שטאָט?

דער אַסקעט האָט זיך אוועקגעזעצט ביי איר זייט, גענומען איר קאָפּ אין זיינע קני און האָט גענעצט אירע ליפּן מיט וואַסער און געשמירט איר גוף מיט באַלזאַם.

„ווער ביסטו, דו באַרמהערציקער?” — האָט די פרוי גע־פרעגט.

„די ריכטיקע שעה איז סוף־כל־סוף געקומען, דיך צו באַזוכן און איך בין דאָ”, האָט געענטפערט דער יונגער אַסקעט.

לח

דאָס איז נישט בלויז אַ שפּיל פון ליבע צווישן אונז, מיין ליבער!

ווידער און ווידער האָבן זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט די שרייענדיקע נעכט פון שטורם, און אויסגעלאָשן מיין לאָמפּ; פינס־טערע ספקות האָבן זיך פאַרזאַמלט און האָבן אויסגעבלאָזן אַלע שטערן פון מיין הימל.

ווידער און ווידער זיינען איינגעריסן געוואָרן די ברעגן, און האָבן געלאָזט דאָס וואַסער פאַרפלייצן מיין שניט, און יאָמער און יאוש האָבן צעריסן מיין הימל פון עק צו עק.

אַזוי אַרום האָב איך געלערנט צו וויסן, אַז קלעפּ פון פיין זיינען אין דיין ליבע, קיינמאָל נישט די קאַלטע אַפּאַטיע פון טויט.

לט

די מויער פאַלט-איין; ליכט, אַזוי ווי אַ גאָטס געלעכטער, פליסט אַריין.

נצחון, אָ ליכט!

דאָס האַרץ פון דער נאַכט איז צעריסן.

מיט דיין בלאַנקער שווערד צעשנייד אויף צוויי דעם קנויל פון ספקות און שוואַכע באגערן.

נצחון!

קום, דו קנא ונוקם!

קום, אָ דו, וואָס ביסט שרעקלעך אין דיין ווייסקייט.

אַ ליכט! דיין פויק קלאַפט אויס דעם מאַרש פון פייער, און דער רויטער שטורקאַץ ווערט געטראָגן הויך. דער טויט שטאַרבט אין דעם אויפרייס פון ערלעכקייט.

מ

אָ פייער, ברודער מיינער, איך זינג דאָס ליד פון נצחון צו דיר.

דו שפּיגלסט־אָפּ דאָס העל־רויטע בילד פון פורכטיקער פרייהייט.

דו הויבסט אויף דיינע אָרעמס קעגן הימל, דו לויפסט מיט דיינע האַסטיקע פינגער איבער די סטרונעס פון דער האַרפע, דיין טאַנץ־מוזיק איז ערלעך שיין.

ווען מיינע טעג וועלן זיך ענדיקן, און דאָס טויער וועט געעפנט ווערן וועסטו פאַרברענען אויף אַש דעם דאָזיקן קנויל פון הענט און פיס.

מיין גוף וועט זיין איינס מיט דיר, מיין האַרץ וועט ווערן מיטגעריסן דורך די כוואַליעס פון דיין ווילדקייט, און די ברענענדיקע היץ, וואָס מיין לעבן איז געווען, וועט אויפפלאַקערן און וועט זיך צוזאַמענגיסן מיט דיין פלאַם.

מא

דער מענטש אין שיפל איז אַרויס אויפן ווילדן ים און שניידט אים דורך ביינאַכט.

דער מאַסט-בוים קרעכצט אונטער די פולע זעגלען, אויפגעבלאָזן פון האַסטיקן ווינט.

דער הימל פאלט צום ים צו, געטראָפן פון דער נאַכטס פאַנג, פאַרגיפטעט פון שוואַרצער שרעק.

די כוואַליעס וואַרפן זייערע קעפ קעגן דעם פאַרהוילענעם שוואַרצן, און דער מענטש אין שיף איז אַרויס אויפן ווילדן ים ביינאַכט.

דער מענטש אין שיף שניידט דעם ים, איך ווייס נישט צו וועלכן אָפּגערעדטן אָרט, טוט ער איבערשרעקן די נאַכט מיט דער אומגעריכטער ווייסקייט פון זיינע זעגלען.

איך ווייס נישט אפילו צו וועלכן ברעג וועט ער צושיפן צו דערגרייכן דעם שווייגנדיקן הויף, ווו אַ לאָמפּ ברענט, און צו געפינען זי, וואָס זיצט אין שטויב און וואַרט.

וואָסערע זוכעניש טרייבט זיין שיף קעגן שטורם און פינסטערניש?

איז עס שווער באַלאָדן מיט טייערע שטיינער און פערל? אָ ניין, דער מענטש אין שיף ברענגט מיט זיך נישט מיט קיין שום אוצרות, נאָר אַ ווייסע רויז אין זיין האַנט און אַ געזאַנג אויף זיינע ליפּן.

דאָס איז פאַר איר, וואָס זי וואַרט אַליין ביינאַכט מיט איר אָנגעצונדענע לאָמפּ.

זי וווינט אין דעם געצעלט ביים זייט וועג.

מאנטרעאל

אירע צעלאָזטע האָר פליען אַרום אין ווינט און באַדעקן אירע אויגן.

דער שטורם רוישט דורך אירע צעבראָכענע טירן, דאָס ליכט פלאַטערט אין איר ערדענער לאָמפּ, וואַרפנדיק שאָטנס אויף די ווענט.

דורך דעם וואָיען פון די ווינטן הערט זי ווי ער רופט אויס איר נאָמען, זי וואָס איר נאָמען איז אומבאַקאַנט.

לאַנג שוין אַזוי פאָרט דער מענטש אין שיף.

און לאַנג וועט נאָך דויערן ביז דער טאָג וועט אויפגיין, און ער וועט אָנקלאַפּן ביי איר טיר.

די פויקן וועלן נישט קלאַפּן, און קיינער וועט נישט וויסן.

נאָר ליכטיקייט וועט אָנפילן דאָס הויז, געבענטשט וועט זיין דער שטויב, און דאָס האַרץ צופרידן.

אַלע ספקות וועלן צערינען אין שטילקייט, ווען דער מענטש אין שיף וועט קומען צום ברעג.

מב

איך קלאַמער מיך צו דעם לעבעדיקן אָנהאַלט, צו מיין גוף, אין דעם פלאַכן שטראָם פון מיינע ערדישע יאָרן. איך וועל עס פאַרלאָזן, ווען דער דורכגאַנג וועט זיין פאַרביי.

און דעמאָלט?

איך ווייס נישט, צי דאָס ליכט און דאָס פינסטערניש זיינען דאָרט די אייגענע?

דער אומבאַקאַנטער איז די אייביקע פרייהייט.
און רחמנות איז ער אין זיין ליבע.

ער צעברעכט די שאָל צוליב דעם פערל, וואָס איז שטום אין דער תפיסה פון פינסטערניש.

דו זאָרגסט און וויינסט פאַר די טעג, וואָס אַריבער, אָרעם האַרץ!

זיי צופרידן, וואָס טעג וועלן נאָך קומען!
די שעה שלאָגט, אָ, וואַנדערער!
עס איז צייט פאַר דיר צו נעמען אָפּשייד פון די וועגן!
זיין פנים וועט ווידער אַמאָל זיין נישט באַדעקט און איר וועט אייך באַגעגענען.

איבער די הייליקע ביינער פון האר בודא האָט דער קעניג בימביסאַר אויפגעבויט אַ מצבה א ווייזונג פון ווייסן מאַרמאָר.

אהער פלעגן קומען יעדן אָוונט אַלע פרויען און טעכטער פון קעניגלעכן הויז צו דערנענטערן בלומען און אָנצינדן לעמפלעך.

יוען ס'איז געקומען די צייט און דער זון איז געוואָרן קע-ניג, האָט ער זיין פאָטערס אמונה אָפגעוואַשן מיט בלוט און מיט זיינע הייליקע ביכער האָט ער אָנגעצינדן פייער פאַר קרבנות.

דער אָסיען-טאָג האָט געגוססט.

די אָוונט-שעה פון גאָט-בעטן איז געווען נאָנט.

שירמאַטי, דאָס דינסט-מיידל פון דער קעניגין, געטריי דעם האַר בודאַ, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אָפגעבאָדן אין הייליק וואַסער און האָט באַצירט די גאָלדענע שאָל מיט לעמפלעך און פרישע ווייסע בלומען, האָט שטילערהייט אויפגעהויבן אירע טונקעלע אויגן צום פנים פון דער קעניגין.

די קעניגין האָט געציטערט פאַר שרעק און האָט געזאָגט: „צי ווייסטו ניט, דו נאַריש מיידל, אַז טויט איז די שטראָף פאַר יעטוועדן, וואָס ברענגט אַ קרבן פאַר בודאַס אָנדענקען?

אַזוי איז דער ווילן פון קעניג".

שירימאַטי האָט זיך געבוקט צו דער קעניגין און, אַוועק-גייענדיק פון איר טיר, איז זי געשטאַנען פאַר אַ מ י ט א, די ערשט-געשט-לאַנג חתונה-געהאַטע פרוי פון קעניגס זון.

פאַר אַ שפּיגל פון געשליפענעם גאָלד, וואָס אויף איר שויס, האָט די יונגע פרוי געפלאָכטן אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ און האָט אויסגעמאָלן דעם רויטן פלעק פון הצלחה אויף דעם שריינט פון אירע האָר.

אירע הענט האָבן געציטערט, ווען זי האָט דערזען דאָס יונ־גע מיידל און זי האָט אויסגעשריען: „וואָסערע שרעקלעכע סכנה ווילסטו מיר ברענגען! פאַרלאָז מיך די מינוט!"

די פּרינצעסין שיקלאָ איז געזעסן ביים פענסטער און האָט געלייענט איר בוך פון פּאָעזיע ביי דער שיין פון דער אונטערגיי־ענדיקער זון.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, ווען זי האָט דערזען ביי איר טיר דאָס מיידל מיט די הייליקע קרבנות.

דאָס בוך איז אַראָפּגעפאַלן פון איר שויס, און זי האָט איינ־געברוימט שרימאַטין אין אויער:

„נישט לויף דאָך אַנטקעגן טויט, דו ריזיקאַלישע פרוי!"

שרימאַטי איז געגאַנגען פון טיר צו טיר.

זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און געשריען: „אָ, פרויען פון קעניגלעכן הויז, איילט אייך!"

„די צייט פון געבעט צו אונזער האר איז געקומען!"

טייל האָבן פאַרהאַקט די טיר פאַר איר, אַנדערע האָבן זי באַ־ליידיקט.

דער לעצטער גלאַנץ פון טאָג־ליכט האָט אויסבלאַקירט פון דעם בראָנזענעם קופּל אויפן טורעם פון פּאַלאַץ.

טיפע שאָטנס האָבן זיך געלייגט אין די עקן פון די גאַסן: דאָס גערויש פון דער שטאָט איז פאַרשטומט געוואָרן: דער האָרן אין טעמפּל פון שיוואַ האָט אָנגעזאָגט די צייט פון אָוונט־געבעט.

אין דער טונקלקייט פון אָסיען־אָוונט, טיף ווי אַ דורכזיכטי־קער סטאַוו, האָבן די שטערן געציטערט מיט ליכט, ווען די היטערס פון פּאַלאַץ־גאָרטן זיינען איבערראַשט געוואָרן, דערזעענדיק דורך דיביימער אַ גאַנצע רייע לעמפּלעך ברענען ביי דעם קבר פון בודאַ.

זיי זיינען צוגעלאָפן מיט בלאַנקע שווערדן און געשריגן:
„ווער ביסטו, דו נאַריש באַשעפעניש, וואָס דו האָסט קיין מורא נישט פאַרן טויט?"

„איך בין שרימאַטי", האָט געענטפערט אַ זיסע שטים, „די דינערין פון האַר בודאַ".

אין אַ מינוט אַרום האָט דאָס בלוט פון איר האַרץ רויט געפאַרבט דעם קאַלטן מאַרמאָר.

און אין דער שטילער מינוט פון די שטערן איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט פון לעצטן לעמפּל-קרבן צופיסנס פון מזבח.

מז

דער טאָג, וואָס שטייט צווישן דיר און מיר, פאַרנייגט זיך און זאָגט זיין לעצטן „זיי געזונט".

די נאַכט פאַרשפרייט איר שלייער איבער איר פּנים און זי פאַרשטעלט די איינציקע לאָמפּ, וואָס ברענט אין מיין שטוב.

דיין שווארצער דינער קומט שטילערהייט און לייגט־אויס דעם כּלה־טעפּיך פאַר דיר, דו זאָלסט פאַרנעמען דיין פּלאַץ דאָ אַליין מיט מיר, אין דער שטילקייט אָן ווערטער, ביז די נאַכט וועט זיין פאַרביי.

מה

מייַן נאַכט איז פאַרביי אויף דעם בעט פון טרויער, און מײַנע אויגן זיינען מיד. מיין שווער האַרץ איז נאָך נישט גרייט צו באַגעגענען דעם פרימאָרגן מיט זיינע פיל פריידן.

פאַרשפּרייט אַ שלייער איבער דער דאָזיקער נאַקעדיקער ליכטיקייט, מיט אַ ווונק פאַרטרייב פון מיר דעם בלאַנקענדיקן גלאַנץ און טאַנץ פון לעבן.

זאָל דיין קלייד פון מילדער טונקלקייט מיך באַדעקן אין זיינע פאַלדן און באַהאַלט מיין צער אויף אַ ווייל פון דעם דרוק פון דער וועלט.

מו

אַריבער איז די צייט, ווען איך האָב איר געקאָנט אָפּצאָלן פאַר אַלצדינק, וואָס איך האָב באַקומען.

איר נאַכט האָט געפונען דעם פרימאָרגן, און דו האָסט זי צוגענומען אין דיינע אָרעמס: און צו דיר ברענג איך מיין דאַנק און מיינע מתּנות, וואָס זיינען געווען פאַר איר.

פאַר דעם גאַנצן צער און קרענקונג פון איר קום איך צו דיר בעטן, דו זאָלסט מוחל זיין.

איך ברענג דיר צו דינען די דאָזיקע בלומען פון מיין ליבע, וואָס זיינען פאַרבליבן פאַרמאַכט, ווען זי האָט געוואַרט, זיי זאָלן זיך עפענען.

מז

איך האָב געפונען עטלעכע אַלטע בריוו מיט גרויס אויפמערקזאמקייט באַהאַלטן אין איר קעסטעלע — עטלעכע קליינע שפּילצייג צו איר אָנדענקען צו שפּילן זיך דערמיט.

מיט אַ שרעקעוודיק האַרץ האָט זי געפּרוווט אָפּצוראַטעווען די קליינע שפּילערייען פון דעם שווימענדיקן שטראָם פון דער צייט, און געזאָגט האָט זי: „דאָס געהער מיר אַליין!"

אָ, קיינער איז איצט מער נישט פאַראַן, וואָס זאָל זאָגן, די זיינען זיין; קיינער וואָס זאָל קאָנען באַצאָלן זייער ווערט מיט ליבע-זאָרג, דאָך ליגן זיי אַלץ נאָך דאָ.

געוויס איז ליבע פאַראַן אויף דער דאָזיקער וועלט זי צוראַטעווען פון פולשטענדיקער ירידה — כאָטש אַזאַ ליבע ווי אירע, וואָס האָט אָפּגעהיטן די בריוו מיט אַזאַ טיפער זאָרג.

מח

ברענג־אַריין שיינקייט און אָרדנונג אין מיין צעוואָרפן לעבן, פרוי, אזוי ווי דו האָסט זיי אַריינגעברענגט אין מיין הויז, ווען דו האָסט געלעבט.

שאַר אָוועק די שטויביקע רעשטלעך פון די שעהן, פול־אויס די ליידיקע קריגן און שטעל צוריק אַלץ, וואָס איז געוואָרן אָפּגעלאָזן.

און דעמאָלט עפן די אינערלעכע טיר פון פאַרן מזבח, צינד־אָן דאָס ליכט, און לאָמיר זיך דאָ באַגעגענען אין שטילקייט פאַר אונזער גאָט.

מט

דער צער איז גרויס געווען, ווען די סטרונעס זיינען געוואָרן געשטימט, מיין לערער!

הויב אָן דיין מוזיק, און לאָמיך פאַרגעסן מיין צער; לאָמיך פילן אין שיינקייט וואָס דו האָסט געטראָגן אין דיין גייסט דורך די אומבארחמנותדיקע טעג.

די פאַרגייענדיקע נאַכט לויערט ביי מיין טיר, לאָז זי נעמען אָפּשייד מיט לידער.

גיס איבער דיין האַרץ אויף די סטרונעס פון מיין לעבן, מיין לערער, אין טענער, וואָס נידערן אַראָפּ פון דיינע שטערן.

נ

אין שטראַל פון בליץ האָב איך אויף אַ רגע דערזען די אומענדלעכקייט פון דיין שאַפונג אין מיין לעבן — די שאַפונג דורך נישט איין טויט פון וועלט צו וועלט.

איך וויין אויף מיין נישטיקייט, ווען איך זע מיין לעבן אין די הענט פון שעהן אָן באַדייטונג —, ווען אָבער איך זע עס אין דיינע הענט, ווייס איך, עס איז צו טייער, אז ס'זאָל פאַרלוירן גיין צווישן שאָטנס.

נא

איך ווייס, אַז אין אַ געוויסן טריבן טאָג וועט די זון מיר זאָגן איר לעצטן זיי־געזונט.

די פּאַסטוכער וועלן שפּילן אויף זייערע פּייפלעך אונטער די פייגנביימער, און די בהמות וועלן זיך פּאַשען אויף דער לאָנקע ביים טייך, ווען מיינע טעג וועלן איבערגיין צו דער פינסטערניש.

דאָס איז מיין געבעט, אז איך זאָל וויסן איידער איך פאַר־לאָז די וועלט, צו וואָס האָט די ערד מיך גערופן אין אירע אָרעמס.

פאַרוואָס האָט די שטילקייט פון דער נאַכט צו מיר גערעדט פון די שטערן אַראָפּ, און דאָס טאָג־ליכט האָט מיינע געדאַנקען אויסגעקושט אויף בלומען.

איידער איך גיי, וויל איך פאַרווילן ביי מיין לעצטן ליד, פאַר־טיק־מאַכן די מוזיק דערצו; זאָל די לאָמפּ לייכטן צו זען דיין פּנים אין דעם קראַנץ, וואָס איז געפלאָכטן דיך צו באַקרוינען.

נב

וואָסערע מוזיק איז דאָס, וואָס צו איר טאַקט צו שאָקלט זיך די וועלט?

מיר לאַכן, ווען זי קלאַפּט אויף דער קרוין פון לעבן, מיר ציטערן דערשראָקן, ווען זי קערט צוריק אין דער פינסטערניש.

אָבער דאָס שפּיל איז אַלץ דאָס אייגענע, וואָס קומט און גייט מיט דעם ריטמוס פון דער מוזיק אָן ענד.

דו באַהאַלטסט דיין אוצר אין דיין פאַרמאַכטער האַנט און מיר שרייען, אַז מיר זיינען באַרויבט.

נאָר עפן און פאַרמאַך דיין האַנט ווי דו ווילסט, דאָס געווינס און דער פאַרלוסט זיינען אַלץ איינס.

אין דעם שפּיל, וואָס דו שפּילסט מיט דיין אייגענעם איך, געווינסטו און פאַרלירסט צוזאַמען.

נג

איך האָב געקושט די דאָזיקע וועלט מיט מיינע אויגן און מיינע גלידער; איך האָב זי איינגעוויקלט אין מיין האַרץ אין פאַלדן אָן א שיער; איך האָב צעגאָסן איבער אירע טעג און נעכט מיינע געדאַנקען, ביז די וועלט און מיין לעבן זיינען געוואָרן איינס, — און איך האָב ליב מיין לעבן, ווייל איך האָב ליב די ליכטיקייט פון הימל, אַזוי צוזאַמענגעפלאָכטן מיט מיר.

אויב דאָס פאַרלאָזן די וועלט איז אַזוי רעאַל ווי דאָס ליבן זי — מוז דאָך זיין עפּעס אַ באַדייטונג אין דעם קומען און אַוועקגיין פון לעבן.

וואָלט די ליבע געווען אַ פאַרנאַרעניש צו טויט דעמאָלט וואָלט דער וואָרעם פון דעם פאַרנאַרעניש זיך איינגעגעסן אין אַלע זאַכן, און די שטערן וואָלטן איינגעשרומפּט און שוואַרץ געוואָרן.

נד

דער וואָלקן האָט געזאָגט צו מיר: „איך פאַרשווינד".

די נאַכט האָט געזאָגט: „איך וואַרף זיך אין דעם פייערדיקן פרימאָרגן".

דער צער האָט געזאָגט: „איך בלייב אין טיפער שטילקייט, אַזוי ווי זיין פוסטריט".

„איך שטאַרב אַריין אין דער פולקייט", האָט מיין לעבן געזאָגט צו מיר.

די ערד האָט געזאָגט: „מיינע ליכט קושן דיינע געדאַנקען יעדע רגע".

„די טעג פאַרגייען", האָט געזאָגט די ליבע, „אָבער איך וואַרט אויף דיר".

דער טויט האָט געזאָגט: „איך פיר דאָס שיפל פון דיין לעבן אין ברייטן ים".

נה

טאָלסידאַס, דער פּאָעט, האָט געוואַנדערט טיף פאַרזונקען אין מחשבות, ביים ברעג פון גאַנגעס, אין יענעם פאַרייגזאַמטן אָרט, ווו מען פאַרברענט די טויטע.

ער האָט דערזען אַ פרוי זיצן ביי די פיס פון איר טויטן מאַן, אָנגעטאָן אין פריילעכע קליידער אַזוי ווי צו אַ חתונה.

זי האָט זיך דערהויבן ווען זי האָט אים דערזען, האָט זיך פאַרנייגט פאַר אים און געזאָגט: „דערלויב מיר, לערער, איך זאָל מיט דיין ברכה באַלייטן מיין מאַן צום הימל".

„וואָס איז דאָס איילעניש, מיין טאָכטער?" האָט טאָלסידאַס געפרעגט, „צי דען געהערט נישט די ערד צו דעם אייגענעם, וואָס האָט דעם הימל געמאַכט?"

„נישט צום הימל באַגער איך", האָט די פרוי געזאָגט, „איך וויל מיין מאַן".

טאָלסידאַס האָט געשמייכלט און געזאָגט צו איר: „גיי צוריק אַהיים, מיין קינד. איידער אַ חודש וועט אַריבער, וועסטו געפונען דיין מאַן".

די פרוי איז צוריקגעגאַנגען מיט אַ פריילעכער האָפענונג. טאָלסידאַס איז צו איר געקומען יעדן טאָג און האָט איר געגעבן הויכע געדאַנקען צו טראַכטן, ביז איר האַרץ איז ביז צום ראַנד פול געוואָרן מיט נאַטירלעכער ליבע.

קוים איז דער חודש אַריבער, זיינען אירע שכנים געקומען צו איר און געפרעגט: „פרוי, האָסטו געפונען דיין מאַן?"

די אלמנה האָט געשמייכלט און געזאָגט: „איך האָב געפונען".

נייגיריק האָבן זיי געפרעגט: „ווו איז ער?" — „אין מיין האַרץ איז מיין האַר, איינס מיט מיר", האָט די פרוי געזאָגט.

נר

אױף אײן מאָמענט ביסטו געקומען נאָנט צו מיר און האָסט מיך אָנגערירט מיט דעם גרױסן סוד פון דער פרױ, װאָס ליגט אין האַרץ פון דער שאַפונג.

זי, װאָס גיט שטענדיק צוריק צו גאָט זײַן אײגענע שפע פון זיסקײט; זי איז די שטענדיק פרישע שײנקײט און יונגקײט אין דער נאטור; זי טאַנצט אין מורמלדיקע שטראָמען און זינגט אין ליכט פון פרימאָרגן; זי טרענקט־אָן די דורשטיקע ערד; אין איר װערט דער אײביק־אײנער געבראָכן אױף צװײ אין אַ פאַר־געניגן, װאָס קאָן זיך אַלײן מער נישט איבערטראָגן, און צעגיסט זיך אין דעם פײַן פון ליבע.

נז

ווער איז זי, וואָס וויינט אין מיין האַרץ, די פרוי, פאַרלוירן אויף אייביק?

איך בין איר נאָכגעגאַנגען אין געזוכט איר ליבע, אָבער נישט געקאָנט זי געווינען.

איך האָב זי באַצירט מיט קראַנצן און האָב געזונגען איר לויב.

אַ שמייכל האָט אויפגעבליצט אויף איר פּנים אויף אַ רגע און ער איז באַלד פאַרשוווּנדן.

„איך האָב קיין פאַרגעניגן נישט פון דיר" האָט זי אויסגעשריגן, די פרוי אין צער.

איך האָב איר געקויפט רינגען מיט בריליאַנטן און זי געפּאַכעט מיט אַ פעכער, אויסגעזעצט מיט דימענטן; איך האָב איר אויסגעבעט אויף אַ גאָלדן בעט.

דעמאָלט האָט אַ בליץ פון צופרידנהייט געלויכטן אין אירע אויגן, באַלד איז ער געשטאָרבן.

„איך האָב קיין פאַרגעניגן נישט פון דעם", האָט זי אויסגעשריגן, די פרוי אין צער.

איך האָב זי אויפגעזעצט אויף אַ טריומף-וואָגן און האָב זי געפירט פון איין עק ערד צום אַנדערן.

באַזיגטע הערצער האָבן זיך געבוקט צו אירע פיס, און אַ הילך פון בראַוואָס האָט אויפגעשטיגן צום הימל.

שטאָלץ האָט געשיינט אין אירע אויגן אויף אַ רגע, און באַלד איז ער צערינען אין טרערן.

„איך האָב קיין פאַרגעניגן נישט פון באַזיגן", האָט זי אויסגעשריגן, די פרוי אין צער.

איך האָב זי געפֿרעגט: „זאָג מיר, וועמען טוסטו זוכן?"

זי האָט נאָר געזאָגט: „איך וואַרט אויף יענעם מיט דעם נאָמען „נישט באַוווּסט".

טעג פֿאַרגייען און זי שרייט: „ווען וועט קומען מיין געליבטער, וואָס איך קען אים נישט, אום זיך באַקענען צו מיר אויף אייביק?"

אידישע פאלקס שולע
ביבליאטעק
מאנטרעאל

נח

דיין איז די ליכטיקייט, וואָס רייסט זיך דורך פון דער פינסטערניש, און דאָס גוטע, וואָס שפּראָצט פון דעם צעשפּאָלטענעם האַרץ פון שטרייט.

דיין איז דאָס הויז, וואָס גייט אַרויס אויף דער וועלט, און די ליבע, וואָס רופט צום מלחמה־פעלד.

דיין איז די מתנה, וואָס איז שטענדיק אַ געווינס, ווען אַלצ־דינק איז אַ פאַרלוסט, און דאָס לעבן, וואָס שטראָמט דורך די היילן פון טויט.

דיין איז דער הימל, וואָס ליגט אין דעם שטויב פון די אַלע, און דו ביסט דאָ פאַר מיר, דו ביסט דאָ פאַר אַלע.

נט

ווען די מידיקייט פון וועג באַפאַלט מיך און דער דורשט פון דעם הייכן טאָג; ווען די געשפּענסטערישע שעהן פון בין־השמשות וואַרפן זייערע שאָטנס איבער מיין לעבן, דעמאָלט שריי איך נישט בלויז דו זאָלסט דיין שטים לאָזן הערן צו מיר, מיין פריינט, נאָר דו זאָלסט מיך אָנרירן.

ס'איז אַזאַ נאָגעניש אין מיין הארץ צוליב דער משא פון זיינע רייכטימער, וואָס זיינען דיר נישט געגעבן געוואָרן.

שטרעק־אויס דיין האַנט אין דער נאַכט אַריין, לאָמיך זי אָננעמען, דערפילן זי און האַלטן; לאָמיך פילן איר אָנרירונג דורך דער גאַנצער לענג פון מיין איינזאַמקייט.

ס

דער ריח שרייט אין דעם קנאָספּ: „ווי איז מיר, דער טאָג פאַרגייט, דער גליקלעכער טאָג פון פרילינג, און איך בין אַ געפאַנ־גענער אין אַ תּפיסה פון בלעטער״.

נישט פאַרליר דעם מוט, שרעקעוודיק באַשעפעניש!

דיינע שטריק וועלן פּלאַצן, דער קנאָספּ וועט זיך עפענען אויף אַ בלום, און ווען דו שטאַרבסט אין דער פולקייט פון לעבן, אויך דעמאָלט וועט דער פרילינג ווייטער לעבן.

דער ריח צאַפּלט און פלאַטערט אין דעם קנאָספּ, שרייענדיק: „ווי איז מיר, די שעהן גייען אַוועק, נאָר איך ווייס נישט, וווהין איך גיי, אָדער וואָס איז דאָס, וואָס איך זוך״.

נישט פאַרליר דעם מוט, שרעקעוודיק באַשעפעניש!

דאָס פרילינג־ווינטל האָט דערהערט דיין פאַרלאַנג, דער טאָג וועט נישט אַוועק איידער דו וועסט דערפילן דיין דאָ־זיין.

טונקל איז די צוקונפט פאַר אים, און דער ריח שרייט מיט יאוש: „ווי איז מיר, צוליב וועמענס שולד איז מיין לעבן אַזוי אָן באַדייטונג?״

„ווער קאָן מיר זאָגן, צו וואָס בין איך אינגאַנצן פאַראַן?״

נישט פאַרליר דעם מוט, שרעקעוודיק באַשעפעניש!

דער בין־השמשות איז נאָענט, ווען דו וועסט פאַרמישן דיין לעבן מיט אַלעם לעבן און דו וועסט דערקענען דיין צוועק.

סא

זי איז אַלץ נאָך אַ קינד, מיין האַר.

זי לויפט אַרום ביי דיין פּאַלאַץ און שפּילט זיך, און זי וויל אויך פון דיר אַ שפּילצייג.

זי מערקט נישט, ווען אירע האָר פּאַלן אַראָפּ, און איר צעלאָזן קלייד שלעפּט זיך אין שטויב.

זי שלאָפט־איין, ווען דו רעדסט צו איר, און ענטפערט נישט — און די בלום, וואָס דו האָסט איר געגעבן אינדערפרי, גליטשט זיך אַרויס פון אירע הענט אין שטויב אַריין.

ווען דער שטורם צעשפּילט זיך און די פינסטערניש לייגט זיך איבערן הימל, דעמאָלט שלאָפט זי נישט, איר שפּילצייג ליגט דעמאָלט צעוואָרפן אויף דער ערד און זי טוליעט זיך צו דיר פול שרעק.

זי שרעקט זיך, זי זאָל נישט עפּעס פאַרפעלן פון דינסט פאַר דיר.

נאָר מיט אַ שמייכל באַטראַכסטו זי ביי איר שפּיל.

דו קענסט זי.

דאָס קינד, וואָס זיצט אין שטויב, איז דיין באַשערטע כלה; איר שפּיל וועט באַרויקט און פאַרטיפט ווערן און עס וועט ווערן ליבע.

סב

„וואָס איז פאַראַן אַ חוץ דעם הימל, אָ, זון, וואָס זאָל קאָ־נען טראָגן דיין געשטאַלט?"

„איך חלום פון דיר, אָבער דיר צו דינען קאָן איך קיינמאָל נישט האָפן", אַזוי וויינט דער טראָפן טוי און זאָגט: „איך בין צו קליין דיך אַריינצונעמען אין מיר, גרויסער האַר, און מיין לעבן איז לויטער טרערן".

„איך באַלייכט דעם הימל, וואָס אָן גרענעצן, דאָך קאָן איך זיך אַוועקגעבן אין אַ דינצעשיקן טראָפן טוי — אַזוי האָט די זון געזאָגט—איך וועל פון מיר מאַכן בלויז אַ פונק ליכט און וועל דיך אָנפולן, און דיין קליין לעבן וועט ווערן אַ לאַכנדיקע קויל".

סג

נישט פאַר מיר איז אַ ליבע, וואָס ווייס נישט פון קיין שום צוריקהאַלט, גלייך צו אַ שוימענדיקן ווייַן, וואָס האָט אויפגעריסן זיין געפעס און צעגיסט זיך מיטאַמאָל צו ווייט.

שיק מיר די ליבע, וואָס איז קיל און ריין, גלייך צו דיין רעגן, וואָס בענטשט דיין דורשטיקע ערד און פילט-אָן די היימישע ערדענע קריגן.

שיק מיר די ליבע, וואָס זאַפּט זיך איין אין דעם צענטר פון דאָ-זיין, און פון דאַנען וועט זי זיך פאַנאַנדערגיסן, אַזוי ווי אַ פאַרהוילענער זאַפט, דורך דעם באַצווייגטן בוים פון לעבן, און געבן באַפרוכטונג פאַר פירות און בלומען.

שיק מיר די ליבע, וואָס האַלט דאָס האַרץ רויק מיט דער פולקייט פון פרידן.

סד

די זון האָט זיך געזעצט אויף דעם מערב־ברעג פון טייך צווישן די פאַרפלאָנטערטע צווייגן פון וואַלד.

די קלויסטער־ייִנגען האָבן אַהיימגעבראַכט די בהמות און האָבן זיך געזעצט אַרום דעם פייער צוצוהערן צו די ווערטער פון לערער, גאַוטאַמאַ, ווען אַ פרעמד ייִנגל איז געקומען, האָט אים באַגריסט מיט פירות און בלומען און, בידעריק געבויגן צו זיינע פיס האָט ער גערעדט מיט אַ שטים ענלעך צו אַ שטים פון אַ פייגעלע „האַר, איך בין געקומען צו דיר אויפגענומען צו ווערן אין דעם וועג פון דעם העכסטן אמת. מיין נאָמען איז סאַטיאַקאַמאַ".

„ברכות אויף דיין קאָפּ", האָט דער לערער געזאָגט.

„פון וועלכן שטאַם ביסטו, מיין קינד? ווייל עס שיקט זיך נאָר פאַר אַ בראַהמין צו שטרעבן צו דער העכסטער חכמה".

„לערער, האָט געענטפערט דאָס ייִנגל, איך ווייס נישט פון וואָסערן שטאַם איך קום אַרויס. איך וועל גיין פרעגן מיין מוטער".

אַזוי זאָגנדיק, האָט סאַטיאַקאַמאַ גענומען אָפּשייד, איז דורך דעם פלאַכן טייך און איז צוריקגעקומען צו זיין מוטערס שטיבל, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פון דער זאַמדיקער וויסטעניש, וואָס ביים גרענעץ פון דעם שלאָפנדיקן דאָרף.

די לאָמפּ האָט געברענט טונקל אין דעם שטיבל, די מוטער איז געשטאַנען ביי דער טיר, וואַרטנדיק אין דער פינסטער ניש אויף דעם צוריקקער פון איר זון.

זי האָט אים צוגעדריקט צו איר בוזעם, האָט געקושט זיינע האָר און האָט אים געפרעגט וועגן זיין שליחותן ביים לערער.

„ווי האָט געהייסן מיין פאָטער, טייערע מוטער ?" — האָט דאָס ייִנגל געפרעגט.

„עס שיקט זיך נאָר פאַר אַ בראַהמין צו שטרעבן צו דער העכסטער חכמה", האָט האַר גאַוטאַמאַ געזאָגט צו מיר.

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן און האָט גערעדט שטילערהייט.

אין מיין יונגהייט בין איך געווען אָרעם און האָב געהאַט עטלעכע הארן, דו, מיין קרוין, ביסט געקומען אין די אָרעמס פון דיין מאַמע יאַבאַלאַ, וועלכע האָט קיין מאַן נישט געהאַט".

די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך געגליטשט איבער די שפּיץ-ביימער פון דעם וואַלד ביים קלויסטער.

די תּלמידים מיט זייערע צעשויבערטע האָר, נאַס נאָך פון זייער פרימאָרגן-באָד, זיינען געזעסן אונטער דעם בוים פון אַלטע צייטן, פאַר זייער לערער.

דאָ איז אָנגעקומען סאַטיאַקאַמאַ.

ער האָט זיך נידעריק געבוקט צו די פיס פון געלערנטן מאַן און איז געשטאַנען שטילשווייגנדיק.

„זאָג מיר", האָט דער גרויסער לערער אים געפרעגט, „פון וועלכן שטאַם ביסטו ?"

„מיין האַר", האָט ער געענטפערט, „איך ווייס דאָס נישט. מיין מוטער, אַז איך האָב זי געפרעגט, האָט געזאָגט אַזוי: „איך האָב געדינט עטלעכע הארן אין מיין יונגהייט, און דו ביסט געקומען אין די אָרעמס פון דיין מוטער יאַבאַלאַ, וועלכע האָט קיין מאַן נישט געהאַט".

באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ געטומל, גלייך צו דעם בייזן גערויש פון בינען, וואָס זיינען געשטערט געוואָרן אין זייער בינען-

שטאָק, און די תּלמידים האָבן געמורמלט אויף דער אומפאַרשעמטער חוצפּה פון דעם אויסוואורף.

לערער גאַוטאַמאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געזעס, האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס, האָט גענומען דאָס יינגל צו זיין בוזעם, און האָט געזאָגט: „בעסער פאַר אַלע בראַהמינס ביסטו, מיין קינד. דו האָסט די איידלסטע ירושה פון אמת״.

סה

ס׳קאָן זיין, אַז איין הויז געפונט זיך אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו דאָס טויער ווערט געעפנט אויף אייביק אין איצטיקן פרימאָרגן ביי דעם אָנריר פון זון־אויפגאַנג, ווו דאָס שליחות פון ליכט ווערט אויסגעפירט.

די בלומען האָבן זיך געעפנט אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע גערטנער, און עס קאָן זיין: א יי ן הארץ איז פאַראַן, וואָס האָט אין זיי געפונען אין איצטיקן פרימאָרגן די מתנה, וואָס האָט געוואַנדערט איר וועג דורך צייטן אָן אַ סוף.

סו

האָרך, מיין האַרץ, אין זיין פּלייט איז די מוזיק פון דעם ריח פון ווילדע בלומען, פון בלעטער, וואָס גלאַנצן, פון וואַסערן, וואָס שימערן, פון שאָטנס, פאַרציטערט דורך די פליגל פון בינען.

די פּלייט האָט געגנבעט זיין שמייכל פון מיין פריינטס ליפּן אַראָפּ און האָט אים צעגאָסן איבער מיין לעבן.

אידישע פאלקס שולע
ביבליאטעק
מאנטרעאל

סז

דו ביסט שטענדיק געשטאַנען אַליין, הינטער דעם שטראָם פון מיינע געזאַנגען.

די כוואַליעס פון מיינע מעלאָדיעס האָבן געוואַשן דיינע פיס, אָבער איך ווייס נישט, ווי אַזוי זיי צו דערגרייכן.

אָט דאָס שפּיל פון מיר מיט דיר איז אַ שפּיל פון דערווייטן.

עס איז דער צער פון צעשיידונג, וואָס גיסט זיך אין אַ מע-לאָדיע דורך מיין פלייט.

איך וואַרט אויף דער צייט, ווען דיין שיפל וועט אַריבער-שווימען צו מיין ברעג, און דו וועסט נעמען מיין פלייט אין דיינע אייגענע הענט.

סח

פלוצלינג האָט זיך הייַנטיקן פרימאָרגן אויפגעפראַלט דאָס פענסטער פון מיין האַרץ, דאָס פענסטער, וואָס גייט אַרויס אין דיין האַרץ.

איך האָב מיך געוואונדערט, ווען איך האָב געזען, אַז דער נאָמען, ביי וועלכן דו קענסט מיך, איז אויסגעשריבן אויף די אַפּריל-בלעטער און בלומען, און איך בין געזעסן שטיל.

דער פאָרהאַנג איז אויף איין מאָמענט אַוועקגעצויגן געוואָרן צווישן מיינע געזאַנגען און דיינע.

איך האָב דערזען, אַז דיין פרימאָרגן-ליכט איז פול פון מיינע אייגענע שטומע נישט-געזונגענע געזאַנגען; איך האָב גע-טראַכט, איך וועל זיי זיך אויסלערנען, זיצנדיק ביי דיינע פיס, — און שטיל בין איך געזעסן.

סט

דו ביסט געווען אין מיטן פון מיין האַרץ, און דעריבער ווען מיין האַרץ האָט געוואַנדערט, האָט עס דיך קיינמאָל נישט געפונען; דו האָסט זיך באַהאַלטן פון מיין ליבשאַפט און האָפענונגען ביז צום סוף, ווייל דו ביסט שטענדיק געווען אין זיי.

דו ביסט געווען די אינערלעכסטע פרייד, אין דעם שפּיל פון מיין יונגהייט, און ווען איך בין געווען צו פאַרנומען מיטן שפּיל, איז די פרייד אַריבער.

דו האָסט געזונגען צו מיר אין די עקסטאַזן פון מיין לעבן, און איך האָב פאַרגעסן צו דיר צו זינגען.

ע

ווען דו האַלטסט דיין לאָמפּ אין הימל, וואַרפט זי איר ליכט
אויף מיין פּנים און איר שאָטן פאַלט אויף דיר.

ווען איך האַלט די לאָמפּ פון ליבע אין מיין האַרץ, פאַלט
איר ליכט אויף דיר, און איך בלייב שטיין הינטן אין שאָטן.

עא

אָ, די כוואַליעס, די הימל-איינשלינגענדיקע כוואַליעס, וואָס גלאַנצן מיט ליכט, טאַנצן מיט לעבן, די כוואַליעס פון שטורמענדי־קער פרייד, רוישנדיקע אויף אייביק.

שטערן שאָקלען זיך איבער זיי, געדאַנקען פון אַלערליי פאַרבן ווערן אַרויסגעשליידערט פון דער טיפעניש און צעשפּרייט איבער דעם ברעג פון לעבן.

געבורט און טויט ווערן דערהויבן און פאַלן מיט זייער ריט־מוס, און דער ים־פויגל פון מיין האַרץ שפּרייט אויס זיינע פליגל, שרייענדיק פאַר נחת.

עב

די פרייד גיסט זיך פון דער גאנצער וועלט אַרומצובויען מיין לייב.

די ליכטיקייטן פון די הימלען קושן און קושן עס, ביז עס דערוואַכט.

בלומען פון זומערס, וואָס איילן, זיפּצן אין זיין אָטעם, און קולות פון ווינטן און וואַסער זינגען אין זיינע באַוועגונגען.

דיליידנשאַפט פון דעם שטראָם קאָלירן אין וואָלקנס און וועלדער האָט אַריינגעהויכט אין אים לעבן, און די מוזיק פון אַלצדינג אויף דער וועלט האָט אויסגעצערטלט זיינע גלידער און גענעבן זיין פאָרם.

עס איז מיין כּלה, — וואָס האָט אָנגעצונדן איר לאָמפּ אין מיין הויז.

עג

דער פרילינג מיט זיינע בלעטער און בלומען איז געקומען
אין מיין לייב אריין.

די בין רוישט־ארום דעם גאנצן פרימארגן, און די ווינטן
שפילן פאמעלעך מיט די שאטנס.

אַ זיסער קוואל עפנט זיך פון הארצן, פון מיין הארץ.

מיינע אויגן זיינען געוואַשן מיט נחת, אַזוי ווי דער פרי־
מאָרגן אין טוי געבאָדן, און לעבן ציטערט אין אַלע מיינע גלידער,
גלייך ווי די ברומענדיקע סטרונעס פון אַ האַרפע.

צי וואַנדערסטו איינער אַליין ביי דעם ברעג פון מיין לעבן,
וווּ דאָס וואַסער נעמט־צו, אָ, דו געליבטער פון מיינע טעג אָן
אַ סוף?

צי פלאַטערן מיינע חלומות אַרום דיר אַזוי ווי די זומער־
פייגעלעך מיט זייערע פאַרשיידנפאַרביקע פליגל?

און צי זיינען דאָס דיינע געזאַנגען, וואָס קלינגען אָפּ פון
די פינסטערע היילן פון מיין קיום?

ווער, אויב נישט דו, קאָן פאַרנעמען דאָס געברום פון די
פיל שעהן, וואָס טראָגט זיך היינט אין מיינע אָדערן, די פריילעכע
שריט, וואָס טאַנצן אין מיין האַרץ, דעם ליאַרם פון אומרויק לעבן,
וואָס שלאָגט־אָן מיט זיינע פליגל אָן מיין לייב?

עד

פּײנע שטריק זײַנען צעריסן, מײַן חוב באַצאָלט, מײַן טיר איז אױפגעפּראַלט, אומעטום קאָן איך גײן.

זײ זיצן אײַנגעבױגן אין זײער װינקל און װעבן דאָס געװעב פון די בלאַסע שעהן, זײ צײלן זײערע גראָשנס זיצנדיק אין שטױב, און זײ רופן מיך צוריק.

נאָר געשאַרפט איז מײַן שװערד, איך האָב אָנגעגורט מײַן פּלי־זין, מײַן פערד גאַרט צו לױפן.

איך װעל געװוּנען מײַן קעניגרײַך.

עה

ווי לאַנג איז עס אײַנגאַנצן, אַז איך בין געקומען אויף דײַן ערד, באַקעט און אָן באָמען, מיט אַ קלאָג־געשריי.

הײַנט צו טאָג איז מײַן שטים פריילעך, בשעת דו, מײַן האַר, שטייסט אָן אַ זײַט פּלאַץ צו מאַכן, אַז איך זאָל קאָנען אויספּילן מײַן לעבן.

אפילו ווען איך ברענג צו דיר מײַנע געזאַנגען פאַר אַ קרבן, האָב איך די באַהאַלטענע האָפענונג, אַז מענטשן וועלן קומען און מיך ליב האָבן דערפאַר.

דו האָסט ליב זיך צו דערוויסן, אַז איך האָב ליב די וועלט, וואָס דו האָסט מיך געבראַכט אויף איר.

ער

שרעקעוודיק האָב איך מיך פאַרשטעקט אין שאָטן פון זיכער־קייט, אָבער איצט ווען די כוואַליע פון פרייד טראָגט מיין האַרץ אויף איר קאַם, קלאַמערט זיך מיין האַרץ צום אכזריותדיקן פעלז פון זאָרג.

איך בין געזעסן אַליין אין אַ ווינקל פון מיין הויז, און האָב געמיינט, אַז ס'איז צו נידעריק פאַר אַ גאַסט, אָבער איצט ווען די טיר איז אויפגעפראַלט דורך אַן אומגעבעטענער פרייד, זע איך, אַז פלאַץ איז דאָ פאַראַן פאַר דיר און פאַר גאָר דער וועלט.

איך בין געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, זייער באַדאַכט וועגן מיין פּערזאָן, פּאַרפומירט און אויסגעפּוצט — אָבער איצט, ווען אַ פריילעכער ווירבל־ווינט האָט מיך אומגעקערט אין שטויב, לאַך איך און לויף איבער דער ערד צו דיינע פיס־צו, אַזוי ווי אַ קינד.

עז

דיין איז די וועלט, איינמאָל און אויף אייביק.

און ווייל דו, מיין קעניג, האָסט קיין באַגער נישט, הייסטו נישט קיין פאַרגעניגן פון דיין עשירות.

עס זעט אַזוי אויס, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען.

דעריבער גיסטו מיר אין שפּעטער צייט, וואָס ריין איז, און אָן אויפהער געווינסטו דיין קעניגרייך אין מיר.

טאָג פאַר טאָג קויפסטו אויס דיין זון-אויפגאַנג פון מיין האַרץ, און דו געפינסט דיין ליבע אויסגעקריצט אין דעם בילד פון מיין לאַכן.

עח

צו די פייגל האָסטו געגעבן לידער, די פייגל האָבן דיר לידער צוריקגעגעבן.

מיר האָסטו נאָר אַ שטים געגעבן, נאָר דו פאַרלאַנגסט מער, און איך זינג.

דו האָסט דיינע ווינטן געמאַכט גרינג, און זיי זיינען פלינק אין דיין עבודה. מיינע הענט האָסטו שווער באַלאָדן, אַז איך אַליין זאָל זיי מאַכן גרינג, און אַז, סוף-כל-סוף, זאָל איך געווינען נישט-באַלאַסטעטע פרייהייט פאַר דיין עבודה.

דיין ערד האָסטו באַשאַפן, אָנפילנדיק אירע שאָטנס מיט שטיקער ליכט.

און דו האָסט גערוט; מיט ליידיקע הענט האָסטו מיך געלאָזט אין שטויב צו באַשאַפן דיין הימל.

די אַלע אַנדערע זאַכן האָסטו געגעבן; פון מיר פאַרלאַנגסטו.

דאָס גערעטעניש פון מיין לעבן ווערט צייטיק אין זון און רעגן ביז איך שנייד מער ווי דו האָסט געזייט, דערפרייענדיק דיין האַרץ, אָ, דו האַר פון די גאָלדענע קאָרנפעלדער.

עט

לאָמיך נישט בעטן צו זיין באַשירעמט פון סכנות, נאָר צו זיי אָן מורא אַנטקעגן זיי.

לאָמיך נישט בעטלען, אז מיין צער זאָל אויפהערן, נאָר אַז איך זאָל האָבן האַרץ דעם צער גובר צו זיין.

לאָמיך נישט זוכן פאַרבינדעטע אויפן מלחמה־פעלד פון לעבן, נאָר מיין אייגענע גבורה.

לאָמיך נישט בעטן מיט ציטעריקער מורא צו זיין געראַטעוועט, נאָר צו האָפן אויף געדולד, כדי מיין פרייהייט צו געווינען.

זיי מיר ערב, אַז איך וועל נישט ווערן אַ שרעקעוודיקער, צו שפירן דיין גנאָד נאָר אין מיין הצלחה אַליין; נאָר מאַך מיך פילן דעם דרוק פון דיין האַנט, ווען איך בין געשטרויכלט.

פ

דו האָסט דיך אַליין נישט געקענט, ווען דו האָסט געוווינט אַליין, און קיין אויסגעשריי פון אַ בשורה איז נישט געווען צו הערן, ווען דער ווינט האָט געיאָגט פון דעם וועג צו יענעם.

איך בין געקומען און דו האָסט אויפגעוואַכט, און די הימלען האָבן גענומען בליען מיט ליכטלעך.

דו האָסט מיך געמאַכט אַרויסשפּראָצן פון פיל בלומען, האָסט מיך אויסגעהאָדעוועט אין די וויגעלעך פון פיל פאָרמען; האָסט מיך פאַרבאָרגן אין טויט און מיך ווידער געפונען אין לעבן.

איך בין געקומען, און דיין האַרץ איז געוואָרן פול; צער איז געקומען און פרייד.

דו האָסט מיך אָנגערירט און האָסט אָפּגעקלינגען אין ליבע.

אָבער אויף מיינע אויגן איז אַ שלייער פון בושה און אין מיין ברוסט איז מורא; מיין פּנים איז פאַרהילט און איך וויין ווען איך קאָן דיך נישט זען.

נאָר איך ווייס: אין דיין האַרץ איז אַ ברענענדיקער דורשט מיך צו זען, דער דורשט, וואָס שרייט ביי מיין טיר אין דעם כסדרדיקן קלאַפּן פון זון-אויפגאַנג.

פא

דו, אין דיין וואַכן וואָס אָן צייט, הערסט דיך צו צו מיינע צוקומענדיקע טריט, בשעת דיין פרייד זאַמלט זיך אין פרימאָרגנ־דיקן בין־השמשות און בלאָזט זיך דורך אין אויסברוך פון ליכט.

וואָס נענטער איך קום צו דיר, אַלץ טיפער ווערט דאָס ציטערניש פון ים.

דיין וועלט איז אַ פאַרצווייגטער בוים פון ליכט אין דיינע הענט, נאָר דיין הימל איז מיין באַהאַלטן האַרץ; פאַמעלעך עפנט עס די בלעטלעך אין צניעותדיקער ליבע.

פב

איך וויל אַרויסזאָגן דיין נאָמען, ווען איך וועל זיצן אַליין צווישן די שאָטנס פון מיינע שווייגנדיקע געזאַנגען.

איך וועל אים אַרויסזאָגן אָן ווערטער, איך וועל אים אַרויס־זאָגן אָן צוועק.

ווייל איך בין געגליכן צו אַ קינד, וואָס רופט צו זיין מוטער הונדערט מאָל, צופרידן וואָס עס קאָן זאָגן „מוטער".

פג

1

איך פיל, אז אַלע שטערן שײַנען אין מיר.

די װעלט רײַסט זיך אַרײַן אין מײַן לעבן, אַזױ װי אַ ים װען ער צעגיסט זיך.

בלומען בליִען אין מײַן גוף.

די גאַנצע יוגנט־פֿולקײט פֿון יבשה און ים גײט אויף חי־װײַרױך אין מײַן האַרץ; און דער אָטעם פֿון אַלע זאַכן שפּילט אויף מײַנע געדאַנקען װי אַ פֿלײט.

2

װען די װעלט שלאָפֿט קום איך צו דײַן טיר.

די שטערן שװײַגן און איך האָב פֿורכט צו זינגען.

איך װאַך און װאַרט ביז דײַן שאָטן װעט גײן פֿאַרבײַ דעם גאַנעק פֿון נאַכט, און איך קער זיך אום מיט אַ פֿול האַרץ.

דעמאָלט, פֿרימאָרגנצײַט, זינג איך בײַ דעם זײַט־װעג.

די בלומען פֿון גערטל ענטפֿערן מיר, און די פֿרימאָרגן־לופֿט הערכט זיך אײַן.

די װאַנדערער בלײַבן פּלוצלינג שטײן און קוקן מיר אין פּנים אַרײַן, זײ מײנען, איך האָב זײ גערופֿן בײַ די נעמען.

3

האַלט מיך בײַ דײַן טיר איך זאָל שטענדיק דערפֿילן דײַנע װוּנטשן און לאָז מיך גײן אַרום דײַן מלוכה גרײט צו דײַן רוף.

לאָז מיך נישט זינקען און פֿאַרשװינדן אין דער טיפֿעניש פֿון שלאַפֿקײט.

לאָז נישט מיין לעבן זאָל ווערן אויסגעטראָגן אויף סמאַטעס אײדער ס'ווערט צונישט.

לאָז נישט די ספקות מיך איינקלאַמערן — דער שטויב פון צערודערונג.

לאָז מיך נישט אַרומגיין אויף פיל וועגן צו זאַמלען פיל זאַכן.

לאָז נישט מיין האַרץ זאָל זיך בייגן אונטער דעם יאָך פון די פילע.

לאָז מיך הויך האַלטן מיין קאָפּ, מיט קוראַזש און שטאָלץ וואָס איך בין דיין דינער.

פד

די וויאָסלאַרעס

צי הערסטו ווייט דאָרט דעם טויט רוישן, —

דעם רוף אין מיטן פון פייער־אויסגוסן און פאַרגיפטעטע וואָלקנס, —

דעם רוף פון קאַפּיטאַן צו דעם שטייערמאַן ער זאָל קערע־ווען די שיף צום ברעג אָן־נאָמען?

ווייל אַריבער איז שוין די צייט — די באַלאַמוטשעטע צייט אין פּאָרט —

אַ ווו אַלץ דער אייגענער אַלטער רימל ווערט געקויפט און פאַרקויפט אין אַ ראָד אָן ענד —

אַ ווו טויטע זאַכן טרייבן זיך אַרום אין הוילקייט און לער־קייט פון אמת.

זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין אַ פּלוצלינגער מורא און גע־פרעגט: „חברים, וואָסערע שעה האָט דער זייגער געשלאָגן? ווען וועט אָנהייבן צו טאָגן?"

די וואָלקנעס האָבן פאַרשמירט די שטערן —

ווער איז דאָ אַזוינער, וואָס קאָן דערזען דעם ווינקענדיקן פינ־גער פון טאָג?

זיי לויפן אַרויס מיט די וויאָסלעס אין די הענט, די בעטן שטייען ליידיק, די מאַמע בעט צו גאָט,דאָס ווייב וואַרט ביי דער טיר;
עס שטייט אַ געוויין פון אָפּשייד און דערהייבט זיך צום הימל,
און דעם קאַפּיטאַנס שטים הערט זיך אין דער פינסטערניש:
„קומט, ים־לייט, ווייל די צייט אין פּאָרט איז אַריבער".

אַלדאָס שוואַרצע בייז אין דער וועלט האָט זיך איבערגע־גאָסן איבער די ברעגעס,

אָבער, איר וויאָסלאַרעס, פאַרנעמט אייערע פּלעצער מיט דער ברכה פון טרויעריקייט אין אייערע נשמות!

וועמען טוט איר שעלטן, ברידער? בייגט־איין אייערע קעפּ!

די זינד איז אייערע געוועזן און אונזערע.

דער ברען, וואָס גליט אין גאָטס הארץ פון דורות—דאָס פּחדנות פון שוואַכן, די גאווה פון שטאַרקן, די גיריקייט פון פעטן בעל־מוצלח, די פאַרביטערטקייט פון באַעוולטן, שטאָלץ פון ראַסע און מענטשלעכע באַליידיקונג — האָבן צעבראָכן גאָטס פרידן, האַסטיק אין שטורעם.

אַזוי ווי אַ צייטיקע שאָל, זאָל דער שטורעם־ווינט צעברעכן זיין אייגן הארץ אויף שטיקלעך, פאַרשפּרייטנדיק דונערס.

הערט־אויף מיט אייער מורמלען פון באַרעדן און זיך־אַליין־לויבן,

און מיט דער רויִקייט פון אַ שטיל געבעט אויף אייער שטערן וויאָסלעוועט אַהין צום ברעג אָן־נאָמען;

מיר האָבן געקענט זינד און שלעכטס יעדן טאָג און טויט האָבן מיר געקענט;

זיי ציען איבער אונזער וועלט אַזוי ווי וואָלקענעס, אונז אויסצוזעגנאַרן מיט אַ בליציקן לאַכן אויף אַ וויילע.

פּלוצלינג זיינען זיי געבליבן שטיין, און געוואָרן שרעקנ־דיקע פאַרזעענישן.

און מענטשן מוזן שטיין פאַר זיי און זאָגן:

„מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר דיר, פאַרזעעניש! ווייל יעדן טאָג האָבן מיר געלעבט דורך גובר־זיין דיך,

און מיר שטאַרבן מיט דער אמונה, אַז פרידן איז וואָר, און גאָט איז וואָר, און וואָר, איז דער אייביקער איינציקער".

אויב דער אומשטערבלעכער ווינט נישט אין האַרץ פון טויט,

אויב געבענטשטע חכמה בליט נישט אויפרייסנדיק די שייד פון טרויער,

אויב זינד טוט נישט שטאַרבן אין איר אייגענער נאַקעטקייט

אויב גאווה ווערט נישט געבראָכן אונטער דער לאַסט פון באַפיצונגען,

ווי־זשע קומט די האָפענונג, וואָס ט" ייבט אָט די מענטשן פון זייער היים, געגליכן צו שטערן, וואָס אי"לן זיך אַנטקעגן זייער טויט אין דעם ליכט פון באַגינען?

צי זאָל דער ווערט פון אַ מאַרטירערס בלוט און אַ מאַמעס טרערן זיין איינגאַנצן פאַרלוירן אין שטויב פון דער ערד, נישט אָפּקויפן דעם הימל פאַר זיין פרייז?

און ווען דער מענטש צעברעכט זיינע שטערבלעכע גרענעצן, צי ווערט דער וואָס אָן גרענעץ נישט אַנטפּלעקט אין דעם איי־גענעם אויגנבליק?

פה

דאָס ליד פון דעם דערשלאָגענעם

מיין האַר האָט מיר באַפוילן, ווען איך בין געשטאַנען ביים זייט וועג, צו זינגען דאָס ליד פון דערשלאָגנקייט, ווייל דאָס איז די כלה, וואָס צו איר גלוסט ער שטילערהייט.

זי האָט אָנגעטאָן איר טונקעלן וואַל, כדי צו פאַרשטעלן איר פנים פון דעם המון, אָבער דער דימענט גליט אויף איר ברוסט אין דער טונקלקייט.

זי איז פאַרלאָזן פון טאָג, און גאָטס נאַכט וואַרט אויף איר מיט לאָמפּן אָנגעצינדענע און בלומען פייכטע פון טוי.

זי שווייגט מיט אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן; זי האָט געלאָזן איר היים הינטער זיך, פון איר היים איז געקומען אָט דער יאָמער אין ווינט.

אָבער די שטערן זינגען דאָס ליבע-ליד פון דעם אייביקן צו אַ פנים זיס פון בושה און צער.

די טיר אין דעם איינזאַמען חדר איז אויפגעמאַכט געוואָרן, דער רוף האָט געקלינגען, און דאָס האַרץ פון דער פינסטערניש קלאַפּט אין שרעק פאַר דער קומענדיקער באַגעגעניש פון חתן-כלה.

פו

דאָס ליד פון דאַנק

יענע, וואָס גייען אויפן וועג פון גאוה, צעטרעטנדיק דאָס נידעריקע לעבן אונטער זייערע טריט, באַדעקנדיק דאָס איידעלע גרין פון דער ערד מיט זייערע פיס-צייכן אין בלוט;

זאָלן זיי זיך פרייען און דיר דאַנקען, האַר, ווייל דער טאָג געהער צו זיי.

אָבער איך בין פול מיט דאַנק, וואָס מיין שטעל איז ביי די געמיינע לייט, וואָס ליידן און טראָגן די משא פון מאַכט און באַהאַלטן זייערע פנימער און דערשטיקן זייערע זיפצן אין דער פינסטער.

ווייל יעדער טיק-טאַק פון זייער צער צעגייט זיך אין די באַהאַלטענע טיפענישן פון דער נאַכט, און יעדע באַליידיקונג איז בעזאַמלט געוואָרן אין דער גרויסער שטומקייט.

און דער פרימאָרגן געהער צו זיי.

אָ, זון! דערהייב זיך איבער בלוטנדיקע הערצער, בליענדיק אין די בלומען פון באַגינען, און די הולכאַישע שטורקאַצן פון באוה נוערן צו אַש.

באַמערקטע דרוק־פעלערן:

ז׳ 17 שורה 1 אָנשטאָט „געהעשלט״ דאַרף זיין „געהעשעט״.